STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04024

PRODUKTIVIZATSYE

I. A. Lisky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָדוקטיוויזאַציע

דערציילונגען פון ״א. ליסק״

פערלאַג און דרוקעריי
י. נאַראָדיצקי, (ט.יו.), 131־129 בעדפאָרד סטריט, א.1.

I. A. LISKY.

PRODUCTIVISATION

SHORT STORIES

Copyright by I. A. LISKY, *London.*

Published and Printed by
I. Narodiczky, (T.U.), 129-131 Bedford St., London, E.1.
1937.

אינהאַלט:

צווישן צוויי פראָנטן 7

דער האָן 17

אין דער בהלה 33

א שמייכל אין בין השמשות 52

געגנדו 56

פארשלאָפן דאָס לעבן 68

פראָדוקטיוויזאציע 72

פאשיסטישע רעקרוטן 87

אידעאליסטישע שפעקולאציע 98

א גינע א טאָג 104

נאציאָנאלע געפילן

— און קלאסן אינטערעסן 117

אין מארש מיט די הונגעריקע 127

מיין ליבער פרוי און
טייערסטער חבר'טע נ. מ. סידאָ.

צווישן צוויי פראָנטן

צווישן צוויי פראָנטן

. . . פאַרנאַכט איז אויפ׳ן פראָנט אַביסל שטילער געוואָרן . . .

רוסישע סאָלדאַטן, ווי צעטריבענע קנוילן וואָלקנס האָבן זיך געצויגן איבערן שטעטל, די מידע קעפּ געווענד קעגן מזרח. אונטער גרויסע שטיוול זענען געפאַלן שווערע שפּאַן און האָבן מיט אַ גליווער אָפּגע־ציטערט אין די קליינע הייזלעך פון ליים, וואָס האָבן זיך געקרומט אונטער דער בלייערנער גרויקייט, ווי שיפע בערגלעך אין וויכער. ס׳קאָן זיין, אַז די לעצטע פון זיי וועלן אונטערצונדן דאָס שטעטל און ס׳קאָן אויך זיין, אַז מ׳וועט זיי באַפעלן זיך פון יענער זייט איינצעגראָבן אין דער נאַסער, אָסיענדיקער ערד און פון דאָרטן שיקן אין דער נאַכט אַריין די ברענענדיקע גראַנאַטן.

אַ צעשראָקענער און פאַרמאַטערטער איז אביש אַרויסגעקראָכן פון די אומהיימלעכע, קאַלטע שטוב ווינקלען, מורא, האָט אים געדרייד די קישקעס אין בויך, אין זיינע אומרואיקע אויגן, האָבן פיינלעך געפּיבערט די מינוטן, וואָס האָבן געשלאָגן, מיט דעם יאָמער פונ׳ם אומרחמנות׳דיקן טאָג. אביש האָט אָנגעשטרענגט דאָס געלע פּנים, אויפגעהויבן דעם שמאָלן קאָפּ טיף איינגעקוועטשט צווישן די קרומע אַקסלען אַ קוק געטאָן אין פענצטער, און דערזען אין די קליינע, פאַרמעקטע שויבן . . .

אין דרויסן, צווישן די פאַרלאָזטע חרובע הייזלעך האָבן אַרומ־געראַיעט צערייצטע סאָלדאַטן און געשטאַרקעט מיט די שאַרפע געווער־עקן אין די ליימיקע ווענטלעך, געזוכט באַהאַלטענע פאַרמעגענס. אַנדערע ווידער, מיט יינגליש, צעשראָקענע פּנימער זענען האַלטנדיק די הויזן אין די הענט, געלאָפן איבער שווימנדיקע שאַטנס, וואָס זענען געפאַלן אונטער טויטשענדיקע, פּערדישע פיס, און יעדעס מאָל, ווען די שרעק האָט זיי אַ דריי געטאָן אין די קישקעס האָבן זיי די הויזן אַראָפּגעלאָזט.

אבישן איז פּלוצים דאָס בלוט אין די אָדערן געוואָרן הייס און זיך האסטיקער געגאָסן איבער זיין גאַנצן פאַרהויקערטן גוף. „מען זוכט פאַר־מעגענס" איז אים פון זכרון אַרויס דער געדאַנק און אַריין אין די אויגן. זיין בליק האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די נאַקעטע ווענט, וועלכע האָבן זיך קרום געשפּאַרט איינע אָן דער אַנדערער און שיעור זיך נישט אַנידער־געזעצט אונטערן ציטער פון דויערנדיקן שיסן, און איז געפאַלן אויף דעם טייערסטן ביסל אָרעמקייט אין שטוב . . .

זיינע ליפּן האָבן זיך אָהויב געטאָן ווי עפּעס וויכטיקס וואָלט אים געוואָלט אַרויס פון מויל . . .

אין אַ נידריק, קויטיקן בעטל, וואָס האָט זיך געקלעמט צווישן צוויי פּייכטע ווינקלען איז געלעגן אַבישס קראַנקער טאַטע און שווער געאָטעמט די איינגעהאַלטענע קרעכצן, וואָס האָבן כסדר געצאַפּלט אויף די גרין, פאַרטריקנטע ליפּן. אין זיינע פאַרצויגענע אויגן האָבן די שוואַרצלען געדימעט. דער קראַנקער האָט זיך אָפּגעקערט פון דער וואַנט און גע־פרעגט:

„נו, אַביש — זיי גייען נאָך אַלץ, זיי . . ."

אַביש האָט געוואָלט דערציילן דעם טאַטן וואָס ער האָט דורכן פענצ־טער געזען, אָבער פון מויל זענען אים אַרויס די ווערטער, מיט וועלכע ער טרייסט דעם קראַנקן. ער האָט געשטאַמלט: — „ווער גייט ווער? — אודאי גייען זיי נאָך . . . זיי גייען נאָך אַלץ . . . די כלבים, די הינט . . די . . . די . . . זאָל עך דיר איינעצן ס'האַנטעך? גיב וועל עך דיר איינעצן ס'האַנטעך . . ."

דער געדאַנק אין אַבישעס אויגן איז געוואָרן קלאָרער און באַקו־מען אַ באַשטימטן אויסדרוק, און קאָליר . . .

מיט אַן אָנגעשטרענגטן ציל אין בליק האָט ער אנגעהויבן אונטער־טרייבן דעם קראַנקן טאַטן: — „נעם גיך צענויף די לייכטער, דאָס שטייסל, די העסעס, דער מאַמעס זיידענע טיכל, די וועש, דאָס חנוכה־לעמפּל, וועל איך אין פאַרערהויז אויסהאַקן אַ גרוב און עס באַהאַלטן — איידער די נאַכט פאַלט צו . . . גיכער טאַטע . . . אין דער ערד וועט מען נישט זוכן . . ."

אַביש האָט אין אַ פינסטער ווינקל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד און איבער זיין געשפּיצטן הויקער האָט זיך געהויבן די האַק און האַסטיק זיך אַראָפּגעלאָזט, מיט אַ שאַרפן פאַל.

דעם קראַנקן איז באַפאַלן אַ פרישער כח. ער האָט פאַרוואָרפן די צודעק און אַרויסגעלאָזט פון בעט די בלוי אדערדיקע פיס, ווי צוויי אָפּגעריסענע, דאַרע צווייגן.

בידריק און איינגעהארבעט אין די הוילע גאַטקעס איז דער קראַנקער ייד, מיט דער גרויסער צעשויבערטער באָרד אַרומגעקראָכן אויף אַלע פיר, צענויפגעטראָגן דאָס ביסל אָרעמקייט און דערלאַנגט אַבישן. אין זיינע הענט האָט לאַנג געציטערט דעם ווייבס יידענע טיכל, וואָס האָט אים דערמאַנט אין, יענעם פאַרנאַכט, ווען ער איז געשטאַנען מיט אַ לאָפּעטע אין דער האַנט און אַרויפגעוואָרפן אַביסל ערד אויפן קבר פון דער יידינע, וועלכע איז דערהרגעט געוואָרן פון אַ קויל, וואָס האָט זי געטראָפן . . .

אַ שווערער גראַנאַט האָט פלוצים אָפּגעהילכט און זאַלושעט די געשטאַקטקייט. דאָס שטיבל האָט ווידער אָנגעהויבן ציטערן, ווי אַ רע־שעטע אין מיידלעשע הענט. די ווינציק גאַנץ געבליבענע שויבן זענען אַרויסגעפאַלן און טעמפּ אָפּגעקלינגען.

אַביש האָט זיך צוריקגעשאַרט אין די ווינקלען אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די שפּיציקע אַקסלען און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, ווי אַ ליידיקער זאַק.

פריש אָנגעלאָפענע סאָלדאַטן, וואָס האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד אונטערן שטעטל און וואָס האָבן זיך בינטלעכ־וויז געשאַרט אין געסל און צווישן די שטיבלעך, האָבן אַריסגעטאָן די טיר. דער קלאַפּ האָט אָפּגעגליוועט אין שטוב און אָנגעיאָגט אַ טעמפּע מורה שחורה. דער סטיק האָט זיך איבערגחזרט — און אַ שפּיי — און אַ קללה . . .

דער קראַנקער האָט דערפילט די שרעק ביים האַרצן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די בלוי פאַרשטאַרטע פינגער און זיך געקלעמט אין קויטיקן איבערבעט. די אויגן זיינע האָבן גלעזערן געגלאָצט, ווי וואַר־טנדיק אויף די לעצטע מינוטן פון טויט . . .

אַביש האָט געמורמלט: — טאַטע — טאַטע . . .

אויף דער וואַנט, וואָס האָט זיך, ווי אַ נאַסער בית הקברות פּלויט געשפּאַרט ביים בעט פונ׳ם קראַנקן, האָבן אין דערשלאָגעניש געגליווערט צוויי טונקעלע שאָטנס . . .

קעגן נאַכט צי, איז דער רעש געוואָרן שטאַרקער . . .

אין דרויסן איז דער שמאָלער שטראָז, וואָס האָט דורכגעשניטן דאָס שטעטל, געזונקן אונטער די ברענענדיקע אייזנס פון טויטשענדיקע פערד, פּולע פּירן, אָנגעוואָרפענע מיט צעבלוטיקטע סאָלדאַטן, ווי צעקראַוואַשע-טע סנאָפּעס געראַטעוועט פון אַ שטורם אין פעלד, האָבן זיך געטראָגן איינע איבער דער אַנדערער. ס׳האָט זיך געשטיפּט אַן אנגעיאָגטע ענק-שאַפט פון פערד באַגאָסענע מיט הייסער שוים און פון די געבויגענע קאָזאַקישע פּלייצעס, ווי פון זיי אַרויסגעוואַקסן, האָט זיך געוואָרפן אַ מאַטער שטאַלערנער גלאַנץ און געטיקעט אויף נאַסע פערדישע ריקנס. שאַרפע לאַנגע פּיקעס האָבן געלעכערט די אנגסטיקע, ליידיקייט, וואָס איז שווער געהאַנגען איבער מענטשן, פערד, אייזן, און גלאַנציקן שטאָל.

נאָכדעם ווי ס׳איז אויף אַ ווײַלע ווידער אַביסל שטילער געוואָרן, האָט אַביש דערלייכטערט אָפּגעאָטעמט. אַ פאַרגנבעטער בליק האָט זיך פון אים פונסניי אַ טראָג געטאָן צום פענצטער.

ביי די פּאַריסענע ריוועס האָבן זיך געשאַרט די סאָלדאַטן און מיד געפּלאָנטערט מיט די פיס.

— „אַביש — וואָס הערט זעך האָן ?״ — דער קראַנקער האָט זיך קוים דערכאַפּט און שוואַך געצויגען דעם אָטעם.

— „ס׳ווייזט אויס שוין די לעצטע ! . . .״

— „נעם נעץ איין, אַביש — נאַדיר ס׳האָנטעך״ . . . האָט דער אַלטער געקרעכצט, און אויפגעהויבן אַ קויטיקן אַרבל פון וועלכן ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ דאַרע פויסט. ער האָט אָפּירגעשלעפּט די נאַסע שמאַטע פון אונטער דעם פאַרטריקענטן האַרצן און דערלאַנגט אַבישן . . .

אומרואיקע שאַרכן האָבן אָנגעהויבן ציטערן פונסניי. אַביש׳ס בליקן זיינען געבליבן שטעקן אין קאָלעמוטנעם וואַסער. מיט דער שמאַטע אין די הענט איז ער געבליבן שטיין, ער האָט אָפּגעווענד די אויגען פונ׳ם

בעט . . . דער קראַנקער איז געבליבן זיצן איינגעבראָכן. די דער־שלאָגעניש אין שטוב האָט געגליווערט:

— „שוין ווידער אַביש?... דער דערשראָקענער אַביש האָט זיך שטום איבערגעקוקט מיטן קראַנקן טאַטן, בייביידן האָבן די אויגן געציטערט, ווי ביי פאַרפרוירענע פייגל אין אַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט. אין דער הינטער־טיר האָט זיך דערהערט אַ לייכט היימיש קלאַפּן. זיי האָבן דערהערט אַ קוויטשידיק קול:

— „מאַכט אויף עך בין עס שרהביילע . . .״

פאַרהילט אין אַ שאַל האָט זיך אַריינגעשלייכט די שכנטע און מיט איר איז אין דער טונקעלער שטוב אַנגעלאָפן אַ וויסטע אימה; זי האָט קרום פאַרצויגן דאָס פּנים. וואָס האָט אויסגעזעזן, ווי אויסגעקניפּן פון שפּיציקע פינגער און ברייט געעפנט דאָס מויל. זי האָט פון זיך אַרויס־געבלאָזן שווערע, אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— „אַ וויטיק צו מיר . . . אין מאַרק רויבט מען . . . אוי אַ וויטיק איז צו מיר . . . מען זאָגט . . . וויס עך, וואָס מען זאָגט? ווער קען דאָס וויסן וואָס דאַרטן טוט זיך? — — — אַז זיי גייען און גייען — שיטן זיך ווי פון אַ לעכערדיקן זאַק . . . ווי סע גליסט זיך פאַלט מען אַריין . . . מען מאַכט חרוב, צעבערעכט מען, צעהאַקט מען, וואָס ס׳קומט אונטער די הענט . . .״

אויף דעם קראַנקן האָט געציטערט די הויט. אַביש׳ס הארבאטע פלייצע איז געוואָרן גרעסער. ער האָט עפּעס געוואָלט פרעגן, אָבער די יידינע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין רעדן, זי האָט געשנייצט און געכליפּעט, דערציילט, אַז פריידען, אין ליכטיקן גן־עדן איז זי, איז היינט בעסער, ווי די יידן אין שטעטל. זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגען מיט אָפּגעריבענע צויטן פון דער שאַל און אַרויסגעלאָזט אַ קוויטשיקן קרעכץ: — „וואָס וועל עך דאָ שטייען האַן? — אַ וויטיק צו מיר — אַביש ליי מיר די האַק... קום גיך פאַרמאַך די טיר...״

אין שטוב איז געוואָרן שטיל, ווי אין אַן אויסגעלאָשענעם אויוון. צוגעפּאַלענע נאַכטקייט האָט געשוואַרצט די ווינקלען. אַביש האָט זיך געשאַרט פאַר די פאַרשטעקטע שויבן, געוואָרפן זייטיקן בליקן זיי צערי־

סענע פערלוירן, און נישט געקענט מער זען, וואָס אויפן שטראָז טוט זיך.

די נאַכט האָט געריטשעט, ווי אַ געשטרויכלטע חיה. קאַנאָנען האָבען געשפּיגען שווערע שטיקער בליי צום פינסטערן הימל. ס׳האָבן אויפ־געבליצט הייסע קנוילן רויך.

אין דער פינסטערער שטוב, האָט זיך דערהערט דאָס מידע שוואַכע קרעכצן פון דעם קראַנקן: — „אַביש לייג דעך אַנידער אויף דער באַנק״...

— „זאָל עך דיר נאָך איינעצן ס׳האַנטעך, טאַטע ?״

— „מ׳דאַרף נישט״ . . .

אַביש האָט שטים געפאָלגט, זיך אויסגעשטרעקט אויף דער באַנק, אין דער זייט ביים אויוון, איינגעדרייט זיך אין דעם שוואַרצן כאַלאַט און צוגעדריקט דעם פארקריפּלטן מידן גוף צום האַרטן ברעט. דער אנקסטיקער רעש, האָט אים געבריט אין די אויגען, ער האָט זיי גע־האַלטן אָפן. די מינוטן האָבן זיך געצויגן, ווי נאַסע פאַסמעס פאַר־פלאָנטערטער פאָדים און שווער געמאַכט זיינע געדאַנקן, וואָס זענען זיך אים פויל צעקראָכן אין מוח, און אים אַרומגעשלעפּט איבער אַ וויסטן, בלוטיקן מאַרק, צווישן איבערגעקערטע שטיבלעך אין וועלכע ס׳ראָיען אַרום צעשלאָגענע, ברודיקע זעלנער . . . קאַליקעס, פאַר־בונדענע, צעשאָסענע, מיט רויע, פאַריסענע פליישן וואלגערן זיך און קרעכצן, און צעריסענע גופים טויטשן זיך, ווי די געקוילעטע עופות, וואָס ער האָט געזען ביים שוחט אין הויף . . . די פינסטערניש פאַר די אויגן האָט אים געבראַכט צושלעפּן לאַנגע, שוואַרצע לויות, באַגלייט פון קינדער און ליארמדיקע ווייבער, וואָס ציען זיך לאַנג, פאַמעלעך איבער פאַרויכערטע געסלעך . . . און מיט אַמאָל איז אים שווער גע־וואָרן דער אָטעם, דאָס האַרץ איז אים שיעור נישט געבליבן שטיין. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער הערט עמיצן זיך דרייען אַרום דער שטוב. אויך דער קראַנקער, האָט זיך אָנגעהויבן רירן. ער איז געלעגן אין אנקסטיקן גליוווער און עפּעס געמורמעלט . . .

די קאַלטע אָסיען־נאַכט האָט געשמאַרצט, ווי אַ צעיאָטערטע וווּנד — געקאַרטשעט זיך אונטערן פייער־רעגן, וואָס האָט געפּראַטשעט, מיט אַ האָגל פון קוילן.

אויפן פינסטערן גרוביקן שטראָז, האָבן זיך נאָך אַלץ געשלעפּט די שווערע מיליטערישע וועגענער, די סאָלדאַטן, האָבן געשריגן און גע־שאָלטן. דאָס זענען שוין געווען די לעצטע, וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם פראָנט. אַ טייל פון זיי האָבן זיך אין דער פינסטער צעוואָרפן איבער די געסלעך איבערצעלאָזן לעצטן צאָרן אויף פרעמדער ערד.

אַ שווער סטוקן האָט זיך פּלוצים דערהערט אין בלינדן פענצטער, וואָס האָט זיך געשפּאַרט אויף דער פינצטערער נאַכט. אַ טעמפּ אָפּגע־ריסן שעלטן האָט זיך געטראָגן דורך די פאַרשטעקטע שויבן לעבער, און דערנאָך דורך דער טיר אַ קלאַפּ און אַ וואָרטשע:

„אָטקריוואַי סוקין סין!!!"*

אַבישן האָט צענויפגעצויגן דער שוויס, וואָס האָט אים באַגאָסן. ער האָט געהערט דאָס שעלטן, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט און די שטאַרקע פויסטן וואָס האָבן געריסן די טיר. ער האָט זיך נישט גע־קענט רירן.

דער קראַנקער, האָט געציטערט און אין דער פינסטער אויסגע־שטרעקט די האַלב טויטע הענט:

— „אַביש!!! די הערסט אַביש"?...

— „אַביש מען ברעכט אויס די טיר".

אַביש האָט זיך נישט גערירט.

די טיר האָט אַ קרעכץ געטאָן און איז צעפּאַלן מיט אַ קלאַפּ. שרעק, האָט דעם קראַנקן אונטערגעטראָגן, ער איז אַראָפּגעפאַלן פונ׳ם בעט און געבליבן ליגן, ווי אַ איבערגעהאַקטער וואָרעם.

אַביש האָט זיך אויפגעהויבן, און געוואָלט אַראָפּ צום טאַטן, אָבער פּלוצים האָט ער עמיצן דערזען אויף דער שוועל, איז ער געבליבן צע־נויפגעצויגן ווי אַ שוואַרצער קנויל.

אַ קאָזאַק, ווי אַן אָפּגעריסן שטיק ווינט איז אַריין אין שטוב. דער שאַרפער עק פון זיין ביקס, האָט אַ גלאַנץ געטאָן.

---

*) מאַך אויף הינטישער זון.

— „דו ווילסט נישט אָנצונדן קיין לעכט, דו הינטישער זון", — האָט ער געשריגן. אויף זיינע ליפּן האָט געזאָטן אַ ווייסע פּינע, אין זיינע הענט, ווי דער ריקן פון אַ צעהאַקטער שלאַנג, האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ שטיק פאַראַפין. ער האָט עס אָנגעצינדן און אַ שוואַכער שיין האָט זיך צולייגט איבערן שטיבל.

דערזען די פאַרשווינען, האָט ער דערפילט אַ ציטער אונטער זיין קויטיקער פעל, די ברייטע נאָזלעכער זענען אים פול געוואָרן מיט קאַל־טער אימה. זיינע אויגן האָבן זיך געלאָשן אינ'ם ווינציקן שיין, וואָס האָט דורכגעשניטן דאָס חשחות.

ער האָט געוואָרפן אַ בליק מיט אַ פאַרקרומט אויג איבערן אָרום און איינגעצויגן אויסגעשטויסענעם אָטעם, שווער ווי די האַרבקייט פון דער שוידערלעכער נאַכט.

ביים בעט איז דער קראַנקער געלעגן און געציטערט, זיינע פיס זענען געווען בלוי און דאָס פּנים געל, און אויפן פריטש האָט אַביש געגליווערט, ווי אַ קאַלטע מצבה.

דער קאָזאַק האָט זיך געצלמט, ברייט פאַריסן דאָס מויל און אַ זאָג געטאָן:

„. . . נעבויסיאַ! . . . ." *)

ער איז צוגעגאַנגען נענטער, צו דער באַנק אַראָפּגעשלעפּט די טאָרבע פון דער פלייצע, אָנגענומען צווישן די ווייכגעוואָרענע פינגער אַ האַרט קאַזיאָנע ברייטל, אַנידערגעלייגט אין דער זייט, און זיך צוריק־געשארט צו דער טיר.

ער האָט זיך נאָך אַמאָל איבערגעצלמט און צעקוועטשט דעם פאַראַ־פין שיין צווישן די פינגער.

אין דרויסן איז אַ געדעכטער שפּיי געפאַלן פאַר זיינע פיס, ער האָט איינגעאָטעמט אַ צעריסענעם קנויל נאַכט און אָוועקגעקראָכן אין דער צעיושעטער פינסטערניש . . .

*) האָב נישט קיין מורא.

דער האָן

דער האָן

נישט ווייט פונם איינציקן פויערישן הייזל אויף די ליידיקע, אויסגעמאַרעטע אָסיענפעלדער, שנייד זיך אַ שמאָלער, סקאָסנער פּעלד־וועג. פון ביידע זייטן ציט ער מיט זיך מיט צוויי טיפע, אָפּגעשלאָגענע, ליימיקע ריוועס, פאַרפּלייצטע מיט פאַרוויאַנעטע בלעטלעך, צוגעפּוילט שטרוי און פאַרדאַרטע קופּעס קי־צוים. יעדן צווייטן טאָג פון דער וואָך דינען די ריוועס באַגלייך אַ געטרייער מוטער. זיי נעמען אַריין אין דעם שויס אַן אַנטלאָפענעם חזיר מיט אַ לאַנגן נאָכשלעפּנדיקן שטריק ביים אונטערשטן פיסל, אַ געפּענטעטע קעלבל, אַרויסגעריסן פונם אָנ־טרייבערס הענט, אַ מידן בעטלער, אַ שיכורן גוי; אַן איבערגעקערט פּירל בלייבט אויך נישט פאַרשעמט.

דער קרומער בלאָטיקער שליאַך קרעכצט זייער שווער. פון באַגינען אָן שלעפּן זיך איבער זיין הויקער־פּלייצע קליינע פּויערישע וועגעלעך, ציען זיך פון אַרומיקע דערפלעך צום שטעטל אויפן יריד.

אין אַזאַ פאַרשריגענעם, פייכטן טאָג, ווי היינט, בלייבט דאָס איינציקע פאַרונענע שטיבל אויף הפקר, ווייל לוקאַש רעכטעוועט דעם וואָגן, קריגט זיך מיטן ווייב און גרייט זיך אויך אין וועג אַריין. פון אינדערפרי אָן איז ער אַרומגעלאָפן מיט אַן אָפן מויל, געשאָלטן ס׳ווייב און באַשפּיגן אַלץ, וואָס ס׳איז אים געקומען אונטער די הענט. אַרום זיינע צעשפּאַרטע ליפּן איז אַרומגעקראָכן אַ שטיק רויטע צונג און זיך געקרומט ווי ביי אַ הונט, ווען ער דערשטיקט אין זיך אַ שטומען פאַרלאַנג.

מאלאַנקע, זיין ווייב, אַ האַרטע, עקשנות׳דיקע פּויערטע מיט אַ צעקנייטשטן שטערן און געראונצלטן פּנים, אַרומגעוויקלט מיט אַ גע־קעסטלטער פאַטשיילע און אַ קראַס־געבלומט פאַרטעך אַרום די ברייטע היפטן, איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער כאַטע און געוואַרט, ביז לוקאַש וועט פאַרטיק ווערן מיטן שפּאַנען. אַרום אירע

שליפּן האָט געצוקט עפּעס אַ ביטערער פאַרדראָס און פאַרקרומט איר די גאָמבע אָן אַ זייט. זי וויל זיך איצט נישט באַגעגענען מיט לוקאָשעס צאָרנדיקן בליק און פאַרטיפט די צערייצטע אויגן אין די גרונענע וואָלקנס, וואָס זענען טיף אַראָפּגעהאָנגען איבער דער טרויעריקער געגנט, ווי אויסגעמערגלטע, גרוי־בלוילעכע ברוסטן פון אויסגעקינדלטע ווייבער. פון אַלע פיר אָפענע זייטן פון דער וועלט איז געקראָכן אַ פוילער ווינט, נודנע געהוידעט מיט ריטלעך פון צעשעטערטע פויגל־נעסטן און געטריבן טויטע שאָטנס אויף קופּעס פייכטע געשטיפּלטע אָסיען־בלעטער.

— וואָס שטייסטו, ווי אַ סלופּ און רירסט דיך נישט פון אָרט? — האָט לוקאָש איר צוגעוואָרפן אַ בייזער, ווי אַ קלאָדע סענקאָטע האָלץ, וואָס ער האָט ערשט אָפּגעשליידערט אָן אַ זייט — ביזט געוואָרן פריקרע ווי די נעץ, וואָס וואַלגערט זיך פאַר די פיס. האָסט שוין געכאַפּט דעם האָן? איך האָב גערעדט, נאָך איידער דער טאָג האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, מ׳זאָל כאַפּן דעם האָן און דאָ האָסטו דיר גאָר אַ גערעוועוּ פלוצים, באַבע נאַרישע!...

מיט די לעצטע ווערטער האָט לוקאָש אויסגעאָטעמט אַ שטיק האַרצ־ווייטיק. אַט דער פאַרשאָלטענער האָן אירער האָט אים געעקט די יאָרן. פון זינט ס׳איז אים אַוועקגעשטאָרבן דאָס איינציקע שייגעצל זיינס, אויף דעם אונטערגאַנג, וואָס האָט געגראַסעוועט פאַריאָרן זומער אין דאָרף — הערט מען נישט מער נאָר האָן, האָן און האָן. און נאָר — „ווו איז דער האָן און מ׳דאַרף געבן עסן דעם האָן און דער האָן זאָל נאָר נישט נאָס ווערן אויפן רעגן...” און וויפיל מאָל ער האָט אים געוואָלט מיטנעמען אין שטעטל פאַרקויפן האָט זי זיך צערעוועט מאַלאַנקאַ, ווי אַ קו.

אַ כישוף, נאָר, אַ כישוף!

זיין בליק איז פונסניי אָנגעגאָסן געוואָרן מיט כעס, די קנייטשן אַרום זיינע ליפּן זענען איינגעפאַלן טיפער און איין עק פלייצע איז אים געוואָרן העכער פאַר צרות. ער האָט אויסגעשפּיגן, ווי אויף עפּעס אַ נישט גוטס און אָנגעבויגן טיפער דעם האַרטן לעדערנעם קאַרק. ס׳איז געווען ביי אים אין מוח אַ מיאוסער געדאַנק אויף דער צייט.

אפשר, ווער ווייסט. ווער קען זיי דען די באַבעס מיט זייערע פאַרשאָלטענע נשמות?

זיין פאַרקרומט אייגל איז כסדר נאָכגעלאָפן מאַלאַנקעס טריט, זי געהיט און וואָס שנעלער זי געוואָלט זען פון יענער זייט פלויט. גלייכצייטיק האָט ער אָן אויפהער אַרומגענישטערט ביי דער אויפגע־פראָלטער שטאָלטיר.

קוים איז פון מאלאנקעס רוקן דער שאָטן פאַרשוווּנדן, האָט ער דערפילט אַ ברי אונטער די הויטן. ער איז אונטערגעלאָפן מיט געמאָס־טענעם שפּאַן, איבערגעשראָקן אַ הונגעריקע קראָ און איז פאַרפאַלן געוואָרן אין שייער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַרויסגעקומען אַ שטאַרק צעטומלטער און געפינטלט מיטן קרומען אייגל. אין פאַזוכע ביי אים איז געלעגן גוט באַוואָרנט אַ זשמוט גלאַנציק פלאַקס; אַ היפשער טייל פון יענעם פלאַקס, וואָס מאַלאַנקע האָט מיט שווערער מי אַנגעגרייט פאַרן ווינטער צום שפינען.

ס'איז אין זיינע צעשפּרייטע נאָזלעכער אונטערגעלאָפן אַ וואַרימקייט, געקומען פון אונטערן גומען און מיטגעבראַכט אַ זאַטן, שאַרפן טעם פון שטאַרקן האַריק, וועלכן ער וועט שפּעטער זייען צווישן די שאַרפע ציין.

אָפּגעטון די היימישע גנבה, האָט ער זי גוט פאַרפּאַקט צווישן היי אינם וואָגן און זיך אַרומגעקוקט, צי מאַלאַנקע געפונט זיך נישט ערגעץ אין דער נאָענט און קוקט אים נישט אונטער.

נאָר מאַלאַנקע איז נישט געווען. זי איז אַרומגעקראָכן אויף יענער זייט פלויט אינם ריוו און זיך געבויגן, ווי אַ שלייכנדיקער וואָלד־שאָטן. נאָר ערגעץ איז זי שטיינגעבליבן לעבן אַ ווערבע, איר אָנגעהאָנגען אַ פאַרביטערטן בליק און אָפּגערעדט זיך פאַר איר פונם האַרצן. פאַרציילט, וויפיל ס'לייד די נשמה... לוקאַש דער וויסטער שיכור, אים גייט גאָרנישט אָן ס'באַלעבאַטישקייט. אַז מ'באַדאַרף עפּעס פאַרקויפן פון שטוב, האַרט אים נישט, גלייך אַ בוים, וואָס פילט נישט, אַז מ'רייסט ביי אים אַ צווייגל...

אָט, אָנגעטשעפּעט זיך אינם האָן, דעם לעצטן האָן, וואָס דרייט זיך אויף דער פאָדווירע... און נאָר פאַרקויפן און פאַרקויפן... און בייזערט

זיך און שעלט און שפייט. — וואָס פאַרא פרייד איז צו זען דעם האָן. ווי שטאָלץ ער בלאָזט מיטן שוואַרץ־גלאַנציק־באַפעדערטן האַלז און קערט מיטן נאָכגעלאָזענעם פליגל די ערד, מאַכט אַ חנדעלע צו די הינער און קלאַפּט צו מיטן שנאָבל, אַז ס׳טוט אַזש ווי ס׳האַרץ אים צו פאַרקויפן.

אַז ער האָט זיך אָנגעטשעפעט דער שיכורסקי גאַרגל, וועט איר שוין גאַרנישט העלפן. ער וועט זי שוין אָפּפייניקן ביז זי וועט מוזן נאָכגעבן.

אַ קאַלטער ווינט האָט זיך פלוצים אַ לאָז געטון צווישן די נידריקע, טרוקענע ביימלעך און צעשאָקלט מיט צווייגלעך, ווי מיט דאַרע הענטלעך פון מאָגערע קינדער. מאַלאַנקע, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אַ צע־חושטע פון די טרויעריקע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך איר געלייגט אויפן גע־מיט, ווי דער צערינענער נעפּל אויפן אַרומיקן טאָל, האָט פלוצים דערפילט אַ ציטער אונטער דער הויט, זיך נישט גערירט פונם אָרט און געבליבן, ווי צוגעקאָוועט צו דער ערד. פאַרשטופּט אונטער אַ קופּע שימליקן מאָך, האָט זי דערזען שטיין דעם האָן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דער מידער, ברייט־צעוואַקסענער קאַם, געל געפּלעקט איז געווען פאַרלייגט אין אַ זייט; קענטיק אַז די נאָענטע סכנה האָט מיט שפּיציקער ווייטיק אים אַ טשיאָכקע געטון אין זיין האָנערישן האַרצן. ס׳איז געווען יענער טרויער, מיט וועלכן אַן עוף פאַרשטיפּט זיך אונטערן בעט אים ערב יום־כיפור...

האָט זי מיט אַ פּאָר מאָדנע אויגן געקוקט אויפן פאַרגעלטן פלעק פון קאַם און פלוצים געזען פון דאָרט אַרויסוואַקסן לוקאַשעס מויל, ווי אַ טיפע, אומהיימלעכע אַזשערע...

און נישט ווילנדיק, ווי פון זיך אַליין, איז איר די האַנט ווי עפּעס אַ שווער שטיק בליי אַראָפּגעפאַלן און אָנגעכאַפּט דעם האָן ביים עק. ס׳איז איר אין דער רגע שטאַרק הייס געוואָרן, אַזוי הייס, אַז זי האָט אַזש אַראָפּגעוואָרפן פונ׳ם קאָפּ דאָס שאַלעכל און איבערגעדעקט דערמיט דעם האָן, נישט צוזען זיינע ווילדע פליגל־קלעפּ און נישט צו הערן זיין אפּגעריסן כאָרטשען, וואָס איז שטום אויסגעגאַנגען צווישן די פראַנזן פונם געקראַטעוועטן שאַלעכל.

מיט איין פיס אויפן בערגל מיסט, וואָס לעבן וואָגן, איז געשטאַנען דער פויער און געהויבן מיט די ברייטע פּלייצעס. פונדערווייטנס צוגע־שלעפּט מאַלאַנקעס שווערן גאַנג. די גאַנצע האָפענונג צו לאָזן זיך תיכף אין וועג אַריין, איז פּלוצים פאַרנעפּלט געוואָרן. דער שלעכטער געדאַנק וועגן האָן, וואָס האָט געשטאָכן, ווי אַ ביין אין האַלז, איז דערווייל געבליבן קאַלט. זיינע האַרטע באַקן, אַנגעלאָפענע מיט בלויזער שרעק, האָבן זיך געמינעט, ווי ביי אַ קינד, וואָס דערפילט, אַז זיין שטיפערישע האַרעוואַניע קאָן באַלד מיט כעס צעשטערט ווערן.

מאַלאַנקען קאָן איינפאַלן אַריינצוגיין אין קאָמער — איז דער הייג־טיקער טאָג שוין אינגאַנצן אַ פאַרשטערטער.

ער האָט אומבאַהאָלפן איינגעגראָבן די ברייטע ציין אין דער אונ־טערשטער גראָבער ליפּ, געריבן איין האַנט אין דער אַנדערער און מיט פויערישער כיטרעקייט גענומען זי חנפענען:

נו, באַבע, ס׳טפאָרן? נעם זעץ זיך אויף, — דער טאָג שטייט נישט. וואָס האָסטו אינ׳ם שאַלעכל?

ס׳זענען געווען ווערטער מיט אַ וואַרימען צאַרן, איבערגעגאָסן מיט גליטשיקער בוימלדיקער פויערישער חניפה.

זיינע הענט זענען אַראָפּגעהאַנגען מיט יענער גלייכגילטיקייט, וואָס איז אייביק געפערלעך.

מאַלאַנקעס האַרץ, פאַרגאָסן מיט צער, איז שיר נישט איבערגעגאַנ־גען. פון אירע האַלב־אָפענע ליפּן האָט געזעצט אַ שווערער אָטעם און איר פאַרביטערטער בליק איז פאַרקראָכן אין אַ זייט.

פונם איבערגעקערטן שליטן מיטן לאַנגן דישל זענען אַראָפּגעפלויגן נאָסע אַנגעבלאָזענע הינער, דערשלאָגענע פון פוילקייט צו זוכן אַ זשעדנע זערנע, זענען זיי זיך צונויפגעקראָכן נאָענט ביי מאַלאַנקעס פיס. איר געקוקט אין די הענט אַריין, עפּעס ביי איר געמאַנט. זי האָט אַ כאַפּ געטון פון דער ערד אַ גרויסן אַנגעזשאַווערטן טאָפּ און אויסגעקראַצט אָפּגעשפּאַרטע רעשטלעך פון דער וועטשערע. געפילט האָט זי בשעת מעשה, אַז דאָס גאַנצע הייפל, מיטן סטויגל נאָסן רעטשן-שטרוי, מיט די קופּעס פאַרטריקנטע באַרבולינקעס אַרום די שטאַל־ווענטלעך, אפילו די שטיקער וואַלד־שפּענער און הויפנס נאָסע קאָרע, וואָס באַרייכערן

ס׳באַלעבאַטישקייט — שרומפּט איין און ריקט זיך אָפּ פון דאַנען, ביז ערגעץ אויף די ליידיקע פעלדער צווישן די זומפּיקע טאָלן. און איר בליק איז העגנען גענליבן אויפן קיישל, אויף דער פיר, ווו לוקאַש האָט דעם האָן אַריינגעלייגט. די רויטע רייפלעך אַרום זיינע קאַלטע אייגעלעך האָבן געציטערט מיט פייכטן טרויער...

אַליין פון זיך זענען געוואַקסן אירע פאַרהאָרוועטע פינגער, זיך פאַרקרומט צום האַלז, אנגערירט דעם מעשענעם צלם, אים אַ קוש געטון און זיך פאַרענטפערט פאַר גאָט, אַז ס׳איז נישטאָ אַביסל זאַלץ אין שטוב, נאָפּט באַדאַרף מען אויך, ווייל ס׳גייט צום ווינטער און דער טאָג איז אַ קורצער... און צום סוף איז איר דערעסן ברומען זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטילן, יאָמערלעכן געוויין.

— נאָ — נאָ, דורנאָ זשינקאָ! *) נעם קריך אַרויף אויפן וואָגן. ווערסט צייט האָבן זיך אויסצורעווען נאָכן רוח — האָט לוקאַש געבלאָזן די באַקן און געדרייט מיטן שווערן קאָפּ — האָסטו דיר אַ האָן. אַזאַ שוואַרץ באַשעפעניש... נאָך אַ האָן צו וויינען... נאָך אַ פּשוטן האָן...

און ער האָט מיט בייזער אַ שמיץ געטון די פערד.

איבער די ברייטע, ליידיקע פעלדער מיט זייערע פאַרוויאַנעטע טראכטן איז געהאַנגען דער וויכער טאָג און געשראָקן אינגאַנצן אויס־צוטריפן. טונקעלע שאָטנס געשליידערטע פונם ווינט, האָבן איבער־געשראָקן הונגעריקע פעלד־מייז, בלינדע ערד־שטשערעס, פייגל און האָזן, וואָס האָבן זשעדנע געזוכט אַ בראָקן. דאָ און דאָרט האָבן גע־וואָיוועט בינטלעך שיקסעס. איינגעהילט אין שוואַרצע, האָריקע שאַלן, געקניפּט אונטער די ריקנס, זענען זיי געגאַנגען אין שטעטל אַריין, זיך געאיילט צו דער קאַטאַרינקע פון דער פּאַפּוגעס שנאָבל צו נעמען די גורל־קוויטלעך און די נביאות זיך לאָזן דערציילן פונם לאָמען קאַטאַרינאַזש. זיי האָבן הילכיק געלאַכט, אונטערגעטענצלט, ווי לוסטיקע קעלבער און מיט וואָרעמער פרייד געאָטעמט אין נעפּל. אויפן וועג באַגעגענען זיי זיך מיט היימישע פּאַראַבקעס, פאַרגיין אין אַ נאָענטן

*) נאַריש ווייב.

וועלדל, לייגען זיך אין די האַרעפּאַשנע אָרעמס און פאַרגעסן אין טאַטע מאַמע...

לוקאַש האָט געפּיפּקעט די לולקע און די גאַנצע צייט געשוויגן. שווער האָבן די פערדלעך געאַרבעט מיט די לונגען, געבלאָזן געדעכטן, וואַרעמען אָטעם דורך די פייכטע נאָזלעכער און געוואָרפן פאַרטרערטע בליקן אַ קעגן דעם טיפן באַרג, וואָס איז זיי געקומען אין וועג אַריין. אויף זייערע רוקנס איז אויפגעשוומען אַ לאַנגע בייטש, זיך איינגעפרעסן, ווי אַ דינער וואָרעם. און לוקאַש האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שווערן קאָפּ און מיטן קרומען אייגל געמאָסטן, ווי טיף די רעדער שניידן זיך איין אין דער בלאָטע.

מאַלאַנקע, איינגעהילט אין אַ גראָבער ווערעטע, איז געזעסן פון הינטן, זיך געשאָקלט אויף אַ הויכן קלומעק, אַלעמאָל אַ קוק געטון אויפן האָן מיט דעם בליק פון אַ געטרייען באַשיצער, שטילערהייט געטרייסט זיך, אַז זי וועט אים נישט פאַרקויפן... און אויב יאָ, איז נישט צו די ענדלערס „צעהאַנעס". זי קאָן זיי נישט ליידן די פּאַסקודנע מענטשן, וואָס שלעפּן יענעמס פּראַצעס פונם קיישל, מאַכן עס צום אויסדרייען און ביטן אָן אַ שפּאָט...

און מאַלאַנקע האָט פּלוצים דערפילט, ווי אַ געדאַנק פאַרצילעט אַ בייעם פּאָדעם: עלקע, וואָס וווינט נישט ווייט פון דער מיל, איז אַ גוטע באַקאַנטע. איז גלייכער איר פאַרקויפן דעם האָן, איידער די פאַרשיווע ענדלערקעס. אפשר וועט אים די יידינע כאַוועָן — וועט כאָטש זיין אַ טרייסט.

איר טרייסט איז אָבער נישט געווען אויף לאַנג. זי איז באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פון אויגן פולע מיט ווינט. באַשטיוולטע אויפּ־קויפערנס האָבן געשיט מיט ברכות, ווי מיט אַ האַרטן רעגן. מאַלאַנקען האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן אין זשומען אין די אויערן. זי האָט גיך איינגעדעקט דאָס קיישל מיט דער גרויסער שאַל און מיט אַ בייזער אָפּגעשטופּט פון זיך די איינגעשפּאַרטע ענדלערקעס.

זי האָט דעם האָן נישט געוויזן.

אַז זי האָט אין דער זייט ביי דער מיל דערזען עלקעס נידעריקע הייזל, זענען אירע פינגער פּלוצים געוואָרן לאַנג. געוואָלט לוקאַשן אַ

טאָרע טון אין דער פלייצע, ער זאָל זיך אָפּשטעלן, נאָר באַלד חרטה באַ־קומען, נישט געקאָנט צוליב טון דעם פריערדיקן געדאַנק.

און אין שטעטל איז דער יריד געווען אין סאַמע ברען. געשטיקטע, האַלב־אָפּגעריסענע קולות פון מענטשן, עופות און בהמות זענען, ווי פאַרגליווערטע, געהאָנגען איבער נאָסע, מיט שמאַכטעס באַשפּילעטע בײדלעך, אַרום־און־אַרום באַפּעלקערטע מיט גוים, אָנגעטוענע אין שעפּסענע פּעלצן, אײנגעשנירטע אין האַריקע אָפּאַנטשעס, מיט הויכע שמוישענע היטלען אויף די קעפּ. זיי האָבן מיט געשטשירעטע, טעמפּע פּנימער אויסגעהערט די מאָדנע קולות פון שוויצנדיקע קרעמערס, וואָס אויף די טירן פון זייערע בײדלעך. דאָ צווישן די הייזלעך און בודקעס איז דער שפּיציקער אָסיענווינט געווען, ווי אין דער היים. קײנעם נישט אַדורכגעלאָזט אָן אַ בײז באַגעגעניש...

נאָכדעם, ווי לוקאַש איז פאַרפאָרן צו אַ באַקאַנטן שענקער אין הויף אַרײַן, האָט ער צורעכט געמאַכט עסן פאַר די פערד, זיך עפּעס לאַנג געפּאָרעט אין היי, וואָס אין וואָגן, און ווי נאָר מאַלאַנקע איז אַרויס אין גאַס — האָט ער גיך אָפּירגעשלעפּט דעם זשמוט פלאַקס, אים פאַר־שטעקט אין דער פּאַזוכע און זיך געלאָזט שנעל ווי אַ גנב אין מאַרק אַרײַן און באַלד פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די קרעמערס און ירידישע אויפ־קויפערס.

ער איז פאַרפאַלן געוואָרן צווישן רעשטן רויט־געקעסטלטן פּערקאַל, שטיקער ליכטיק־געשטרייפטן, אָנגעקראַכמאַליעטן הויזן־צײַג און גראָבע, וואָלענע לײַבלעך. פון האקנס האָבן אַראָפּגעשריגן ווײַסע בלעכענע שעפּלעך, בײַכיקע ליקעס, פאַרזשאַווערטע קייטן און אײַזערנע לאָפּעטעס. אויף לאַנגע צונויפגעקלאַפּטע בענק, אײַנגעזונקענע אין דער ערד, זענען געלעגן הויפנס געטרוקנטע פיש, פאַרדאַרטע לעקעכלעך און פּודעלעך שמיר. אויף הויכע שפּיציקע פּלקער האָבן זיך געקרומט שוואַרצע פּוטערנע היטלען און אויך אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס פּויערים נויטיקן זיך אין זיי. לוקאַש איז דאָ שטיינגעבליבן און מיט זײַנע אָנ־געשטרענגטע אײַגעלעך געלויערט אויף אַזאַ פּוטערנעם ספּאַדיק, ווי אַ קאַץ אויף אַ נאַש...

מאַלאַנקע, אַ צונויפגעקאַרטשעטע, פונם טאָג זאַלושעטע, האָט מיטן קײַשל אונטערן אָרעם אַרומגעשפּאַנט, ווי אַ טויבער אויף אַ חתונה. אין

די אויערן זענען איר געשטאַנען די קולות פון די איינגעהויקערטע סעדעכעס מיט די פאַרקרומטע פּנימער, וואָס שאַרן בערג מיט ציבעלעס, וואַרפן, אין דער הייך קרענץ מיט קנאָבל און לויבן אויס מיט ברענענדיקע מיילער צופּוילטע עפּל אויסגעשפּרייטע פאַר די פיס, פאַרוויקלטע אין שמאַטעס.

אויך דער האָן האָט אַלעמאָל אַרויסגעשטעלט ס׳קעפּל, שטאַרק ניי־געריק צו זען וואָס ס׳טוט זיך עפּעס דאָרט אין דרויסן. ער האָט שטאַרק געציטערט, זיך געשראָקן; די אָנגעבלאָזענע פעדערן זענען ברייט אָפּגעשטאַנען און צוגעלאָזט די קעלט צו דער הויט. ער האָט פאַרשזמורעט די איבערגעלאָפענע אייגעלעך און צוריק באַהאַלטן ס׳קעפּל צווישן די פליגל.

זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט אנטשליסן צו פאַרקויפן דעם האָן. וויפיל מ׳האָט איר נישט געבאָטן, איז איר אַלץ געווען צו ווייניק. זי האָט קיינעם נישט געטרויעט, קיינעם נישט געפונען פאַר גענוג מענטש־לעך אָנצוטרויען איר האָן. אומעטום נאָר קויפער, אויפקויפערס און סתם הענדלער. קיין איינציקן וואַרעמען בליק, קיין ווייכערן קול. נאָר אַלץ זשעדנע, פריקרע, רויע, פרעמדע פּנימער פון סוחרים, קונים און אונטער־קויפערס. אָן אַ פונק רחמנות, אָן אַ ברעקל געפיל...

אַ מאָדנער פאַרלאַנג האָט זי געטאַטשעט — זי מוז וויסן וועמען זי פאַרקויפט דעם האָן. אַ נאָענטער, באַקאַנטער, אָן וועמען זי זאָל זיך קאָנען דערמאָנען דאָרט אין דאָרף — ווען זי וועט ווען צומאָל אַ טראַכט טון, אַ בענק טון נאָכן האָן... האָט אים נאָך טאַראַסל, איר אָוועקגעקומען שגצ׳ל געהאָדעוועט, אים געלערנט קרייען... קוקוריקו!... קו־קו־ריקו! האָט ער מיט זיין דינינקען קולעכל געדרייצט דאָס יונגע הענדל צום קרייען . . .

די אויגן מאַלאַנקעס האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. — ער, לוקאַש, האָט זיך אָנגעטשעפּעט — פאַרקויף! און נישט אָפּגעלאָזט דער שיכור־סקי גאַרגל, ביז ר׳האָט זיינס אויסגעפירט.

ס׳האָבן זיך געדרייט הויכע, פינסטערע יידן אין לאַנגע פאַרשמירטע קאַפּאָטעס מיט מאַגערע, שוואַרצע און גרויע פאַרוואַקסענע פּנימער, האַרט באַברעמטע אויגן ברייט צעעפנטע, פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעשריגן

אַן אומהיימלעך אנשטרענגעניש פונם היינטיקן טאָג, וואָס טראָגט אויף זיך דעם אחריות פון פרנסה פאַר אַ גאַנצער וואָך.

די פויערטע האָט מיט מורא זיך אָוועקגעדרייט פון די פינצטערע יידן. אין זיי געזען איר ביטער אומגליק.

אויף אַ פייכטן הארבסטיקן ריוו האָבן אַלטע בעטלער אויסגעשטרעקט שטיקער אָפּגעריסענע, פאַרגליווערטע פיס, באַפּרישטשעטע מיט קרעץ. געהויקערטע, קראַנקע גופים איינגעהילט אין צעריסענע לאַכעס, פון וועלכע ס'האָבן אַרויסגעקוקט אויסגעמאָגערטע, באהארטע ברוסטן, ווי מארשיקע ברעטער. זייערע שפּיציקע, גרוי באַוואקסענע גאמבעס האָבן געגליווערט, ווי צעקוועטשטע גרודעס בלאָטע, באַשפּריצטע מיט צעטאָ־פּיעטן שניי... אַן אייביקער טרויער האדעוועט זיך אין זייערע אויגן, אַ טייל אויסגערינענע, פאַרבעלמעטע און סתם פינסטערע, ווי אויסגעלאָשענע קוילן.

זיין האָבן אויסגעשטרעקט לאַנגע, נאַקעטע הענט, ווי אויסגעזויגענע, גליטשיקע ביינער און אַלע אינאיינעם האָבן זיי געזונגען עפּעס אַ סמוטנע לידל פונם אַרעמען פאַסטעך און צוגעשאָקלט מיט די צעשויבערטע קעפּ, אַנגעפּאַפּטע מיט פייכטן שטויב. ס'האָט זיי באַגלייט אַן אומעטיקער ניגון פון אַ הילצערנעם לייער־קאַסטן.

מאַלאַנקע האָט שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אים הענגען געלאָזט איבער אַ שוואַרץ אָנגעוואָקסענעם אויער פון אַן אַלטן צענויפגעקאָר־טשעטן בעטלער. לאַנג און הויך איז אים אַריינגעשריגן איר בקשה, ער זאָל פאַר איר בעטן די הייליקע מוטער זי זאָל איר מוחל זיין די שווערע זינד, וואָס זי גייט איצט באַגיין און דערפאַר באַצאָלט זי איצט דעם בעטלער מיט אַ שטיק אַלטגעבאַקן ראזעווע ברויט.

...אַז אַביסל זאַלץ איז נישטאָ. און נאַפּט באַדאַרף מען אויך, ס'גייט צו ווינטער. און לוקאַש דער מאַן וויל פון גאַרנישט וויסן...

...ס'איז איר לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ, די אויגן אירע זענען אַביסל לויטערער געוואָרן, כאָטש דער הימל אויבן איז געווען שטאָק־פינסטער, שווער און אָנגעכמאַרעט. מ'האָט קוים אַרויסגעזען דעם פאַרטשאדעטן טאָג, וואָס האָט געוויקלט אַרום זיך שטיקער וואָלקנס, ווי נאַסע קאַלטע קאָמפּרעסן. איבער דעכלעך איז געפלויגן אַ שאַרפער ווינט

און געפּאַטשט דעם גאַנצן יריד אין הינטן אַריין. און אויך מאַלאַנקען, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין צו דער אַלטער עלקען, פאַרקויפן איר דעם האָן.

פאַרנאַכטצו זענען ביי אַן עק הויז, אָנגעשפּאַרט און אַ צעבראָכענער רינווע, געשטאַנען צוויי ווייבער פאַרהילט אין פייכטע, האַריקע שאַלן און האָבן אויסגעזען, ווי צוויי פּעסלעך אַן דנאָיעס.

טע — טע — טע — האָסטו אים שלעכט אויסגעהאָדעוועט מאַלאַנ־קע־סערצע, זע ווי בלאַ ער איז.

די אַלטע עלקע האָט געשטיקט אין זי אַ מבינישן שמייכעלע און געבלאָזן דעם האָן אונטערן עק.

זי איז געווען אַ נידריקע יידענע מיט אַ בערגלדיקער פּלייצע און אַ הויכן געקנייטשטן האַלז מיט אַ קראַפּ, ווי אַ פויגל־נעסט. זי האָט געשפּיצט די שאַרפע לאַנגע נאָז, ווי אַ ווערמדיקן באַקסער און געוואָרפן מיט די קליינע אויגעלעך, האַרב ווי די פעפערלעך. פון רגע צו רגע זענען פרישע צייכנס געבליבן שטיין ביי איר אויפן שטערן. ס'איז געווען יענער קנייטש וואָס ווערט געבוירן מיט דער פרייד פון אַ געלונגענעם חשבון:

ווי אַזוי זעט מען שוין דעם האָנערישן בחור ביי זיך אונטערן אָרעם... מ'קאָן דאָך פון זיין דרויב אָפּקאָכן אַ ראָסעלע פאַר היינט וועטשערע און פאַר מאָרגן אָנבייסן. אַ גאַנצע וואָך וועט ער נאָך אַראָפּוואַרפן אַ שטיקל אויף אַ יאָכעלע און אַ פּולקעלע קאָן מען אָפּשפּאָרן אויף שבת אויכעט.

כע, כע, כע, שלעכט אים געהאָדעוועט מאַלאַנקעניו, זע, ווי בלאַ ער איז.

עלקעס שפּיץ־פינגער זענען געוואָרן וואַרעם און ווייך, ווי די קיי־לעטשלעך וואָס זי פלעגט אויף שבת. זיי האָבן זיך גליטשיק איינגעפּרעסן דעם האָן צווישן די פעדערן — און אָנצייילנדיק דער פויערטע אַ פּאָר אויסגעוואָרעמטע פינפער־שטיקלעך, איז זי אַוועק דורך די בלאָטיקע געסלעך צו זיך אַ היים.

און מאַלאַנקאַ איז געבליבן אָנגעשפּאַרט אין דער צעבראָכענער רינווע, און לאַנג נאָכגעגלאָצט צווישן די גראָע הייזלעך, ווו די יידענע

איז פֿאַרשוווּנדן. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן די פּאָר וואַרעמע פֿונפֿערשטיקלעך, און אין דער צווייטער האָט זי דערפֿילט אַ מאָדנע גרינגקייט... ס׳קיישל איז געווען ליידיק — אַ שטיק שוואַרצע שמאַטע איז נאָכגעהאַנגען... ס׳איז איצט געוואַקסן אין אירע פּאַרטאַיעטע אויגן אַ שטומער אויסדרוק פֿון חרטה...

מיט טעמפּער גלייכגילטיקייט האָבן אירע פֿינגער געוויקלט די פּאָר שיפּער אין אַ קויטיק שמאַטקעלע, עס אַראָפּגעלאָזט טיף אין בוזעם אַריין און אירע שווערגעוואָרענע פּיס האָבן זי אָפּגעפֿירט גלייך אין שטאַטישן שענק אַריין.

די אונטערגעסלעך האָבן זיך געקרומט, ווי מידע מחותּנים נאָך אַ שיכּורער חתונה. ס׳איז געריגען אַ שווייסיקער געשטאַנק און פֿון אַלע זייטן האָבן גוים מיט שטיוואַלעס געשטאַמפּט אין דער געדעכטער בלאָטע און שיכּורע זיך געוואַלגערט אין די ריוועס.

אויף דער נידריקער, אויסגעטראַטענער שוועל פֿון דער שטאָטישער קרעטשמע אין מאַלאַנקע שטיין געבליבן. אַ היימיש שיכּור קול האָט איר פֿאַרשפּאַרט דעם וועג:

הערסט ברודערל, ביי גאָט שווער איך, אַז ווייבער זענען ערגער ווי מכשפֿות... ביי גאָט, שווער איך... ביזט נאָך יונג... פֿאַרשטייסטו וואָס ס׳הייסט, אַז אַ ווייב האָט דיך פֿיינט ?... אָנגעטשעפּעט זיך מיין זשינקע, אַזאַ צויג, אין אַ האָן — אַזוי ווי איך פֿאַרצייל דיר, זונדעלע — אין אַ האָן און ער איז איר טייערער, ווי איך... ביהמע, ברודער, אַ האָן, אַ פּשוטער האָן — און... און מיין וואָרט הייסט ביי איר גאָרנישט — מיטן פּנים צו די פּוסטע פֿעלדער שטיי איך אַ גאַנצן טאָג און טעסע פּלעקער, אַז דער שווייס רינט, ווי פֿון אַ צאַפּן. און זי — גאָרנישט — שטייט אַזוי, ברודערטשו פֿאַרתמט און שוויגט — קוקט, צי ס׳איז נישטאָ אַ לאָך אין הימל. כאַטש נעם און גיב איר אַ לייג מיט דער האַק איבערן קאָפּ, אַז די רויטע יושקע זאָל זי באַגיסן...

לוקאַשעס אויגן האָבן מיט דער שנעלקייט פֿון אַ בליץ זיך פּלוצים אַדורכגעטראָגן צווישן די אַרומיקע, נאַסע, געשפּאָלטענע טישלעך, גלייך ער וואָלט דערפֿילט אַז ערגעץ דאָרטן דאַרף זיך געפֿונען מאַלאַנקע. אַ

ברענענדיקער הפקר־כוח איז אַריין אין זיינע ביינער, געשפּאַנט די אָדערן און צונויפגעצויגן די מוסקולן.

ער האָט אָנגעכאַפּט זיין שכנס פויסט, אַ געצייכנטע פון שוואַרצער־דראַטווע, און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער פּלוצים אַ שלעפּ געטון פון טיש ס׳שאַרפע, אויפגעמאַכטע מעסער...

זיין שכן, דער שוסטער־שגץ מיט אַ נידעריקן שטערן, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן שויבער, ביז איבער די קליינע, גלאַזיקע אויגעלעך, וואָס זענען אין דער רגע שיעור נישט אַרויסגעפאַלן פון זייערע נעסטן, האָט אַ דערשראָקענער אויסגעשיפּעט:

גאָט איז מיט אייך, לוקאַש!... און גיך אים אַרויסגעכאַפּט ס׳מעסער פון האַנד און אים אונטערגעריקט אַ גראָב שטיק קאָלבאַס.

איבער די טונקעלע, אָפּגעקראָכענע, גליטשיקע ווענט, פייכטע פון פאַרשטונקענער אויסגעוועפּטער הארבקייט, זענען אַרומגעקראָכן קנוילן צעפּאַטלטע שאָטנס, זיך געשטיפּט אין די ווינקלען און זיך צונויפגעקנאָ־דערט. פון איין עק שענק ביז צום אַנדערן עק האָט זיך געהויבן אַ געפלאַכטענער רעש פון שיכורע געלעכטערס, קולות און קוויטשעס פון אָנגעפּאַיעטע ווייבער. פויערים ווי די דעמבעס האָבן זיי געשלעפּט ביי די שוואַרצע שאַלן, זיך געזידלט, געשפּיגן און זיך באַלד צעקושט.

מאַלאַנקע, אַ בלייכע, פאַרצערטע און צעשראָקענע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער שוועל און געוואָרפן די שולדיקע אויגן אויף די פאַרנעצטע ווענט פון דער שענק־שטוב; געזוכט אַ פּלאַץ, אַ ווינקל פאַר זיך און פאַר אירע צרות.

איר בליק איז דערגאַנגען ביז צום שענקטיש. דאָרטן איז געשטאַנען אַן אונטערגעשוואָלענע יידענע מיט אָפּגעבריטע וויעס און כיטרע גע־גלאָצט אַ יעדן אין די ידים אַריין.

— גיס אָן, נאָר פונם שטאַרקסטן — האָט פּלוצים די פויערטע אַרויסגעשטאַמלט און צווישן אירע ברודיקע פינגער האָט זיך פאַר־וואַלגערט דאָס באַהאַלטענע קניפּל.

די יידענע האָט זי פאַרשטאַנען אויפן ווינק, איר אָנגעמאָסטן אַ

בלעכל שטאַרקן אָקאָוויט און איר אונטערגערוקט אַ פּלאַטשיקן, געזאַל־צענעם הערינג אין וועלכן מאַלאַנקע האָט תיכף איינגעגראָבן איר ברייטע געלע ציין.

— נאָך איינס, שינקאַרקע! ס'האַרץ צו קילן... שינקאַרקע־דושע, נאַ, האָסטו... געלד...

און מאַלאַנקע האָט אויסגעשיט אויפן שענקטיש אַלע פינפערשטיק־לעך, וואָס זי האָט געלייזט פאַרן האָן...

אין דרויסן איז פון לאַנג שוין געקראָכן אויף אַלע פיר דער פאַר־שמירטער, בין השמשות; געקוקט אויפן שטעטל, מיט אַ פּאָר אויס־געוויינטע פאַרנעפּלטע אויגן פון אַ שיכורער פויערטע.

אין דער בהלה

אין דער בהלה

ס'איז געווען אַ סלאַטנער חשון־טאָג, באַהאָנגען מיט קילע, טונקעלע וואָלקנס, ווי צעריסענע טרויער־שלייערס. און דער טאָג האָט געווײנט איבער די קעפּ פון מידע מיליטערישע מחנות, טיף איינגעגראָבענע אין צעוויקטער שוואַרצער ערד. ווייט צווישן צעוואָרפענע פויערישע שטיב־לעך האָט סערקעס בליק געבלאָנדזעט אין דער טונקלקייט, און האָרב, ווי אַ טרער זיך צעריגנען אויף אַ נאַקעטן פלעק באַרג, ווו ס'האָט זיך געצויגן אַ שמאָלער, זומפּיקער פעלד־וועג. טיילמאָל איז געווען דער גרוביקער שליאַך איבערגעפולט מיט אָנגעלאָפענע וואָגנס, פולע מיט פאַרקילטע צעבלוטיקטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם פראָנט און זיך געשלעפּט צווישן די נאַסע טאָלן, צום פעלד־לאַזאַרעט.

סערקע האָט מיט פאַרדרוס אָפּגעקערט דעם קאָפּ פונם פענצטער און אירע פינסטערע אויגן האָבן זיך איינגעגראָבן אין דעם בלייכן, אָראָפּ־געלאָזענעם פּנים פון דער פרעמדער מויד, וואָס איז געשטאַנען אין אַלקער, געשאָבן מיט אַ האָלצערן מעסערל, אַ גרינעם קרויט־קאָטשן און געלעקט די האַרבע זיסקייט. סערקע האָט שטום צונויפגעפּרעסט די ליפּן, אונטערן האַרצן האָט זי עפּעס שפּיציק געדריקט, ווי דאָרטן וואָלט אַ האַרטער שפּאָן געשטעקט. זי האָט געלאָזט פאַלן אַ אויפגערייצטן בליק אויפן איינגעבויגענעם רוקן פונם טויבן מאַן אירן, וואָס איז געזעסן אין ווינקל און פאַר זיך געברומט.

אין שטוב איז געווען שטיל, אויף די פענסטער נידריק ביי דער ערד איז געלעגן דער גרויער טאָג און פויל גערינען אויף די נאַסע שויבן. ס'האָט זיך געפילט אַ געדעכטער, זויערער ריח, וואָס האָט געטריפט פון די בייכיקע ווענטלעך. די פרעמדע מויד שיינדל, האָט זיך נישט גערירט פונ'ם אָרט, געזוכט מיט די גרויסע, שוואַרצע, איבערגעשראָקענע אויגן אַרום זיך. אירע באַקן האָבן זיך צונויפגעקאָרטשעט און צווישן די בלאַ־סע קנייטשן איז אויפגעשווימען יענע אומרואיקייט, וואָס ליגט טיף אין אַ

פאַרבאַרגענעם ווינקל און פרעסט, ווי אַ בלינדער וואָרעם. זי האָט גע־וואָרפן אַ פרעגנדיקן בליק אויף סערקען, דערשראָקן אַ ציטער געטון און אומעטיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איבער איר בלאָסן האַלז האָבן זיך געשלענגלט צוויי גראָבע, שוואַרצע צעפּ און אַראָפּגעהאָנגען פון פאָרנט ביז איבער די ברוסטן.

דער טובער קלמן איז געזעסן אין דער זייט, ביי דער פייכטער וואַנט זיין בלייך, ביינערדיק פּנים, גראָ־פאַרוואַקסן, די אויגן האָבן געשטאַרט מיט טעמפּן בליק, דער קאָפּ, איינגעהילט אין אַ גרין אָפּגעריבענעם ווינ־טער היטל, האָט זיך געוואַקלט איבערן טיש, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן אַן אויפגעמאַכט, געל ספרל. דאָס דינע הענטל מיט די צונויפגעדרייטע פינגער האָט זיך פּאַמעלעך געגליטשט, אַראָפּגעפאַלן און זיך פאַרלוירן אינם קויטיקן אַרבל פון צעפליקטן כאַלאַט. ער האָט אויפגעהערט צו ברומען און זיינע אויגן זענען געוואַקסן, ווי ביי איינעם, וואָס זוכט דעם פאַרלוירענעם וועג. זיינע געדאַנקען האָבן זיך ווי די קראַנקע פיס גע־טאָפּטשעט ערגעץ איבער אַ הייסן זאַמד. ס׳לויפן מענטשן, אויסגעצאַמ־טע מיט ווילדע צעשראָקענע פּנימער. אויף זייערע רוקנס הענגען אַראָפּ פּעק מיט לאָכעס. ס׳בלוטיקן קויטיקע פאַרוויינטע קינדער. דאָס קרעכ־צן שלאָגט ווי פון אייגענעם האַרצן. די מענטשן זענען ענלעך צו יאָסיע דעם שניידער, — אַ געלער, אויסגעדייוועוועטער, מיט פינסטערן בליק ; הערש מלך דער שטאָט־משוגענער, מיט אַ ווילד געלעכטער אויף די נאַסע גראָבע לעפּצן ; יצחק דער שמש, אַן איינגעהויקערטער, מיט טרי־פנדיקע, קאַפּרעוואַטע אויגן. צעפּאַלטע ווייבער לויפן מיט אַ ביטערן געוויין, שלעפּן קנוילן קליינע קינדער וואָס קוויטשן ווילד יעמערלעך...

קלמן האָט ווי געגליווערט, געפילט אַרומלויפן אַ ציטער צווישן די דאַרע ביינער, מורא געהאַט, אַז יעדע רגע קען ברענגען אַ פייער־רעגן אויף זיין קאָפּ. ס׳האָט געזשומעט אין זיינע אויערן אַ גע־רויש פון לויפנדיקע מיליטערישע מחנות, ווי אכזריותדיקע, ווילדע נקמה־געשרייען פון פּרעה׳ס נאָכיאָגנדיקע חילות...

און סערקע האָט זיך דערמאָנט אָן די אַלטע צרות. נאָך שטייט איר פאַר די אויגן דער גראָבער דייטשער סאָלדאַט מיט די אָוועקשטייענדיקע אויערן ווי ביי אַן אָנגערייצטן הינט. ס׳איז געווען דעמאָלט אין אַ שבת גאַנץ פרי, ווען ער איז אין שטוב אַריינגעפאַלן ווי אַ אָפּגעהאַקטער קלאָץ.

זיינע אויגן האָבן געשראָקן מיט ברענענדיקע פונקען. משונה פרעמד האָט געקלינגען זיין קול:

— איר מוזט שוין פאַרלאָזן דאָס באָד! דאָ וועט מען אויפשטעלן אַ שווערן קאַנאָן, דאָס „דרעק־נעסט" צו פאַרטיידיקן. דאָ איז אַ גרויסער „שטיץ־פונקט" — איר הערט?! אַזוי באַפעלט דער קאָמענדאַנט — פערשטאַנדן?!

ס'האָט זיך דעמאָלט איבערן שטעטל צעגאָסן אַ מרה־שחורה. יידן באַהאַנגען מיט טלומעקלעך, פעק און לאָכעס, געטריבן פון אייגענעם פחד, זענען געלאָפן אָן אַ ציל. דער טויבער קלמן האָט געכאַפּט אַ זאַק, אים אָנגעשטאָפּט מיט אַלטע זאַכן און אַרויפגעכאַפּט אויף די פּלייצעס. דערנאָך מיט קאַלטע, ציטערדיקע פינגער פאַרלייגט אַ אָנגעזשאַווערט שלעסל אויף דעם אייזערנעם קייטל פון דער שטוב־טיר.

געלאָפן איז מען ביזן נאָנטן דאָרף. ס'האָט דער טאָג אויסגעזען, ווי אַ גוסס. איבערגעשראָקענע יידן זענען אַרומגעקראָכן צווישן די פויערן, געשטופּט זיך אין ענגע שטיבלעך, קינדער האָבן געקוויטשעט, בהמות געריעוועט, הינט סקאַוואָיעט און ס'האָט אויסגעזען ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען.

זי סערקע און קלמן זענען אַריין צו אַ באַקאַנטן פויער און שייער, און דאָרטן אָוועקגעפאַלן מיט מידן האַרץ־קלאַפּעניש. ס'זענען אין דער זייט געלעגן גרויסע פּעק מיט בעטגעוואַנט, אָנגעוואָרפענע בערגלעך שמאַטעס און פון זיי אַרויס האָט זיך געהערט אַ כליפּנדיק אָפּגעריסן געוויין.

— אַ ווייטיק מיר אין האַרצן, ווער איז דאָרטן? — האָט סערקע דערשראָקן געקוקט אויפן קאָפּ פון אַ צעפּאַטלטער מויד, דערקענט אַז זי איז נישט פון אייגענעם שטעטל — וועמענס ביזטו האַ?

דאָס מיידל האָט כליפּנדיק דערציילט אַז די היים און דאָס דאָרף איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן, די בלינדע מאַמע ערגעץ פאַרבלאָנדזעט און אַליין וואַלגערט זי זיך דאָ אַרום, וויל זיך איצט איבאַיינעם מיט יידן ערגעץ אָוועקשלעפּן.

ווײן נישט, וויין נישט — האָט איר סערקע אויסגערעדט — וועסט גיין מיט אונז.

דריי טעג האָבן זיי זיך אַזוי אַרומגעוואַלגערט אין פרעמדן דאָרף אין פיינלעכער טויט־שרעק. אויפן פערטן טאָג האָט זיך פּלוצים געעפנט די טיר פונם שייער ס׳איז אַריינגעקומען אַ פאַרשוויצטער נידריקער פויער און אַנגעזאָגט:

— מענטשן, קומט צו דער געמיינדע, דער קאָמענדאַנט האָט צו־נויפגערופן די גאַנצע „הראָמאַדע”.

אַ צעטומלטער קנויל מענטשן זענען געווען פאַרזאַמלט ביים קלויס־טער. דאָרטן איז געשטאַנען אַ עסטרייכישער פעלד־וועבל מיט אַרויפ־געקעמטע, שפּיציקע וואָנסעס ווי שפּיזלעך און גערעדט מיט שטאַרקן שטאָלץ:

— מיר האָבן דעם פיינט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. פון אונזער זייט האָט געקאָסט אַ שפּאָר ביסל בלוט, אָבער ס׳האָט זיך געלוינט. מיר קערן זיך אום צוריק, נישט געלאָזט די רוסן דורכברעכן דעם פראָנט. דער קאָמענדאַנט באַפעלט: אַלע פליכטלינגע זאָלן זיך צוריק אומקערן צו זייערע היימען. מאַר—רש!... ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן שטע־קעלע איבער דער כאַליעווע.

אַז מען איז אַהיימגעקומען, האָט דאָס שטעטל אויסגעזען וויסט, שטיקער הייזער זענען געווען אָפּגעריסן, אויף די גאַסן האָבן זיך געוואַל־גערט שווערע, אויסגעלאָשענע גראַנאַטן, דרענגער פאַרפלאַכטענע אין שטעכלדיקע דראָטן און שטיקער בהמישע נבלות האָבן געשטונקען פון די ריוועס.

אַז סערקע, קלמן און שיינדל די מויד זענען קוים לעבעדיק פאַר־קראָכן צום באָד, און שטיין געבליבן מיט שטאַרקן הארצקלאַפּעניש — איז אויף זיי געפאַלן אַ פּחד. די חורבה האָט ביי סערקן אויסגעזען ווי קלמנס צעפּלעטשטער קאַפּעליטש וואָס ר׳האָט אויפן וועג ערגעץ פאַר־לוירן. זיי האָבן זיך נישט געהאַט ווו אַ הינצוטון, און אַלע דריי זענען פאַרקראָכן אַהער, פון דער זייט בריק, ווייט אויסערן שטעטל און זיך איינגעבעטן צו אַ באַקאַנטן פויער אין כאַטע.

און איצט זיצט זי סערקע ביים פענסטער, קוקט אין האַרבסטיקן דרויסן, און דאָס האַרץ צעגייט איר פאַר ווייטיק. ס׳איז מיט נסים, מיט וואָס זיי לעבן איבער דעם טאָג, ס׳מאַכט דאָ קיינער נישט אויף די טיר.

און אין שטעטל איז פריילעך, ייִנגן און מיידן שמאָגלען פון בוסק אייער, באַהאַלטן אין הערינג־פעסער, פּלאַטשיקע פלעשער אַקאַוויט אַרום די בייכער און אַנדערע סחורות. זיי געלינגט תמיד, מ'האָט זיי אפילו איינ־מאָל נישט געכאַפּט. טאַקע ציפּרען, די אַלטע שכנטע וואָס האָט גע־ווינט טיר ביי טיר נאָך אַמאָל אין באָד — וואָס פאַרע טריפה בר־מזל זי איז. געמאַכט זיך אַ „טשיינע", גלייך מיט אַ סך אַנדערע ווייבער אין שטעטל און שיט אָן אַ פולן פאַדעלעק מיט גאָלד... ס'האָט זי פּלוצים געכאַפּט אַ אומרויקייט, דאָס מויל האָט געמוזט אָפּדונערן, כדי דאָס געמיט זאָל זיך אויסלייטערן. זי האָט געקוקט אויף קלמנען, באַלד אויף שיינדלען, מיט יענעם בליק, וואָס מיינט — איר זענט שולדיק אין אַלע־מען — און אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטון:

— אפילו דאָס אויך שוין פאַרזינדיקט, פלעג אַמאָל אַריינקומען דער געלעמטער זעלנער, די צעבראָכענע קאַליקע, וואָס שלעפּט קוים די ביקס, מישטיינס געזאָגט אַ גאָטס רחמנות — שטייט און היט די קעלט אויף דער בריק. אַוודאי פאַרקראָכן צו אַ פויערטע אונטערן איוון און דאָרטן ערגעץ איינגעדרימלט. פלעגט ער כאָטש אַמאָל אַריינקומען, האָט מען געלייזט אַ גרייצער.

איצט האָט איר דער צאָרן אַ ברי געטון אין האַרצן, זי האָט דערפילט אַ שטאַרק באַדערפעניש געוווּיר צו ווערן, וואָס ס'טוט זיך אין שטעטל. ז'איז אויפגעשטאַנען, זיך געלאָזט איבערן דער שטוב, אויף די פאַר־מעקטע שויבן איז געבליבן שטעקן איר בליק ווי אויסגעשאָסענער שרויט, וואָס דערגייט נישט צום ציל:

— שיינדל, ווו האָסטו מיר אַהינגעטון דאָס שאַלעכל, האָ?

שיינדל, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרטראַכט, האָט געזען, ווי ביי סערקען ווערן די אויגן פולע, גרויסע, אָט גיסן זיי אויס דעם גאַנצן צאָרן. האָט זי גיך מיט ציטערדיקע הענט אָנגעהויבן אַרומבושעווען אין די ווינקלען, פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט אַ שוואַרצן לאַך און איר דער־לאַנגט.

איינגעוויקלט אינם שאַל, מיט צוויי פאַרבונדענע, אַוועקשטייענדיקע שפּיצן אויפן רוקן האָט סערקע אויסגעזען ווי אַ אינטערגעשאָסענער פוי־גל. זי האָט געשטרעקט אַ פינגער גלייך דעם מאַן אין פּנים אַריין און געשריגן:

— טויבער לאָשעק, וועמען זוכסטו? זע נאַר, ווי ער האָט אָנגע־שטעלט די צוויי לאָמטערנס זיינע... איך קום באַלד צוריק.

קלמן האָט נישט געענטפערט, נאָר מיט גרויסע, קעלבערנע אויגן נאָכגעקוקט דער בייזער יידענע. זי האָט מיטגענומען אַ אויסגעהאָדע־וועטן כעס, אַ לאָז געטון זיך צו דער טיר און פּלוצים דערפילט אַ באַהאַל־טענעם כח אין די הענט, וואָס וואָלטן געקאָנט אַרויפכאַפּן דאָס הייזל אויף דער פּלייצע, עס מיטנעמען אין שטעטל אַריין און אַוועקשטעלן פּונקט אינמיטן מאַרק...

— איר זאָלט אייך נישט זאָמען — האָט שיינדל נאָכגעשריגן. און קלמנס ברוגז־שוויגנדיקער בליק, איז דערדריקט געוואָרן צווישן דער צוגעמאַכטער טיר.

אין דרויסן, האָט אַ מערב־ווינט געשניטן די גראָע לײדיקייט, וואָס איז געווען אומהיימלעך שווער, צום מענטשן זיך נודנע געקלעפּט, ווי אַ נאַסער וואָלענער פּעלץ. ס'איז געווען איינער פון יענע פוילע אָסיענטעג, וואָס האָדעווען זיך צווישן פּאַדאַליער בלאָטיקע טאָלן און, מיט זייער געראָטנקייט, פאַרבלייבן זיי אין טעם דאָס גאַנצע לעבן. אין אַזוינע טעג זענען די הימלען צו, באַהאַלטן אונטער אַש־גראָע וואָלקנס, וואָס שלעפּן זיך, ווי אָפּגעריסענע בערג. די ווערבעס שטייען טרוקענע, נאָכגעלאָ־זענע, בייגן זיך אונטער דער שווערקייט פון האַרבסט, און די דאַרע חשוון צווייגן וואַרפן אַ געבראָכענעם שאָטן אויף נאַסע פינסטעכע ריוועס. צווישן צוויי רייעס נידריקע פויערישע הייזלעך שניידט זיך אַ שמאָלער בלאָטיקער וועג. צייטנווייז שלעפּט זיך פאַרביי אַ שווערער מילטערי־שער וואָגן, לאָזט צוריק איבער דער גאַנצער לענג, צוויי איינגעשניטענע קאָליעס, וואָס ווערן אָפּגעריסן ערגעץ אין מיטן דרינען. און ס'איז ווידער שטיל.

און אָט אַזוי אונטערגעטריבן פון דעם מערב־ווינט האָט סערקע געקנעטן די געדעכטע בלאָטע, שווער געאָטעמט און געזוכט מיט זייטיקע בליקן דעם געליימטן זעלנער, וואָס פלעגט דאָ היטן די בריק.

זי האָט געזוכט ערגעץ צווישן די נאַקעטע בערגלעך, ווו ס'האָט זיך געצויגן דער לאַנגער שמאָלער פעלד־וועג. אַ חוץ דעם שפּיץ פון

אַ הילצערנעם צלם, באַהאַלטן אונטער אַ דאָרן־ביימל, — האָט מען קיינעם נישט געזען.

די געדאַנקען האָבן זי שפּיזיק גענאָגט, געטאָטשעט, ווי הונגעריקע ווערים. איר אונטערשטע גראבע ליפּ האָט בייז געציטערט, און די קנאה צו דער בעדערקע איז געוואַקסן:

— געוועזן אויף אַזוינע צרות — און היינט ווער קאָן זיך צו איר גלייכן, דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט אויסגעהאַדעוועט, אַזאַ בריה־דיקע מויד, וואָס פאַרדרייט יעדן זעלנער דעם קאָפּ.

פאַר די אויגן איז איר פּלוצים אַפּירגעשווימען שיינדלס נאַריש לאַנג פּנים און געשטאַנען, ווי אַ שווערער סלופּ. סערקע האָט אַ ציטער גע־טון, גלייך זי וואָלט זיך פאַר עמעצן דערשראָקן, אירע געדאַנקן האָבן זיך גיך געביטן...

— ס'איז בעסער, וואָס זי איז נישט קיין אייגענע טאָכטער... און געפילט האָט זי, אַז זי וואָלט אַליין איצט מיט פריש קאָכנדיקע היץ אָפּגעקרילט די פּנימער פון די ווייבער און מיידן, וואָס חברן זיך מיט די סאָלדאַטן אין די הינטער־געסלעך...

דער טאָג האָט מיט זיך געשלעפּט אַ פּוילן נעפּל, אים אַלץ טי־פער אַראָפּגעלאָזט איבערן חרובן שטעטל, וואָס האָט אין טאָל געגלי־ווערט, ווי אַ מרהשחורה'דיקער בית־הקברות.

די יידענע איז פּאַמעלעך געגאַנגען איבער די שטילע געסלעך, גע־וואָלט אַלץ געוווּיר ווערן, די אויגן פאַרגאַסענע מיט צער האָבן געשלינגען יעדן שאָרך. צווישן די צוואָרפענע יידישע הייזלעך האָט מען געזען זיך אַרומשלעפּן, בינטלעך סאָלדאַטן, אָנגעטון אין גרויסע, קויטיקע פלאַשטשעס, מיט ברייטע פאַרבלאַטיקטע הויזן, אונטערגעבונדענע מיט לאַנגע וויקל־בענדער. דאָ און דאָרט האָט מען אויך געזען אַ אויס־געסטראָיעטן קאַנצלייַ־זעלנער מיט געשפּיצטע וואָנסעס, באַפּעטעוועט, מיט ביליקער פּאָמאַדע, און די שטיוול גלאַנצן, ס'שפּיגעלט זיך אָפּ אין זיי דער גאַנצער שטאָלץ פון זעלנערישן כח. אין די געסלעך האָט מען צייטנווייז געזען פאַרבייגיין אַ יידענע און דזוויגען אַ שווערן עמער וואַ־סער פון אַ נאָנטער קערנעצע, און אַ שוואַרצער קודלאַטער הונט מיט אַ בלעכן שילדל אויפן האַלז „סאַניטעט“, האָט געהאַפּקעט איבער דער בלאָ־

טע. אויף די שוועלן האָט מען געזען שטייען אויסגעוואַקסענע מיידן, מיט רויטע גלאַנציקע פּנימער און לאַנגע נאַקעטע העלזער פאַרפלאכטענע מיט שוואַרצע גראָבע צעפּ. האָבן געלאַכט מיט נאַרישן קוויטש און געווינקן צו די פאַרבייגייענדיקע סאָלדאַטן מיט אַ שטיפערישער דער־וואַרטעניש.

פון דערווייטענס האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קוויטשנדיק געוויין און פאַרגאַנגען מיט אַפּגעהאַקטן כליפּ. ס'איז געקומען צולויפן אַ נידריק בחורל, צעכראַסטעט מיט פאַרוויינטע אייגלעך און פאַרשמירטן נעזל, ביידע הענטלעך געהאַלטן פאַרדרייט פון הינטן, פעסט און פלאַטשיק צוגעדריקט, ווי ער וואָלט דאָרטן אַפּגעווישט די ווייטיק, וואָס איז נאָך פריש און שרפהט ווי דער ברויזנדיקער צאָרן פון דעם קאָמענדאַנט, וואָס איז פאַר אַ פּאָר מינוט געשטאַנען איבער אים און געשמיסן מיט אַ וויכן שטעקעלע, אים אָנגעזאָגט:

— אַז די וועסט נאָך אַמאָל פאַרקויפן שנאַפּס, וועט מען דיך אָנבינדן אויף צוויי שעה ביים בוים — הערסט, דו קליינער מאַריצל!!!

די מיידן האָבן געלאַכט פון משהלן, זיך מיט אים גערייצט:

— זאָלסט געוועזן קומען צו מיר, די סמאַרקאַטש, וואָלט איך געוועזן געגאַנגען צום קאָמענדאַנט, פאַר דיר אַ בעט טון... דער ווינט האָט געבלאָזן, געפּאַטשט אין די דעכלעך, געבאַמבלט מיט די לאַנגע ברע־טערנע שילדלעך, באַמאָלטע מיט געקינצלטע אותיות, וואָס זענען געהאָנ־גען אויף די געהויקערטע טירן, און דרציילט אַז דאָ איז צו באַקומען „הייסער טע און פרישער שטראָדל צו ביליקן פּרייז“.

סערקע איז געבליבן שטיין, געצויגן דעם אָטעם. די נאָז, ווי אַ אָנגעשטעלטע פייל, האָט זיך דראָענדיק געשפּיצט אין די אויגן האָבן געקוקט מיט שאַרפן בליק אויף די מיידן:

— אַ „בעזהאָלאָוויע“ ס'איז אויף זיי... מען האָט גאַרנישט קיין מורא פאַר דער חברה רוחות, ווייסט דער שוואַרצער יאָר פון וואַנעט זיי זענען זיך אָנגעלאָפן — שטופּן זיך צו דעם פראָנט, ווערן אויפגעפרעסן פון די לייז אין ווערים, ברעכן דעם קאַרק, ווערן געהאַרגעט... דער פאַר־דרוס איז ביי איר געוואָרן שטאַרקער, געקלערט ביי ציפּרען זיך גוט אָפּצובייזערן — פאַר וואָס נישט ט—פ—ו, האָט זי אַ שפּיי געטון...

אונטער איר פּלייצע האָט זיך דערהערט אַ קול, לאַנג געצויגן, מיט באַ־לעבאַטישן טאָן:

— ווו גייט איר ערגעץ — סערקעניו?

סערקע האָט זיך אומגעקוקט און דערזען פון הינטערן תלמוד־תורה־געסל אַפּירקומען רייזלען די מילערקע, אַ נידריקע יידענע, גראָב פאַר־וויקלט אין אַ אָפּגעריבענע יום־טובדיקע יאַקע. צווישן די פולע פּליי־שיקע באַקן איז געזעסן טיף איינגעוואַקסן אַ קליין נעזל און האָט אויס־געזען, ווי אַ פעט פּופּיקל אין שמאַלציקן הינערישן בויך. אין דער זייט איז איר נאָכגעהאַנגען אַ קיילעכדיקע באַוואַקסענע בראָדאַווקע.

סערקע איז נישט צופרידן געווען, וואָס זי האָט באַגעגנט אָט די מיאוסע נגידות און גוט געדענקט, ווי די גראָבע רייזל פלעגט איר אָפּ־שפאַרן דאָס האַרץ, זי פלעגט ביי איר אָמאָל קויפן אַ הינדל אויף שבת — צום סוף, איז זי די מילירקע איר שולדיק געבליבן אַ זעקסערל — איז געווען אויס ריוח...

— גאָר נישט טוט מען, מ׳קוקט אַרויס דורך דער שויב, האָט זי געענטפערט דער מילערקע.

— אַ ביטערע צייט ס׳איז, הערט איר, טאַקע שוין מער נישט צום אויסצוהאַלטן — די זעלנער האָבן צוגענומען די פּאַסן פון דער מיל, איצט טאַנצן דאָרט אַרום די שטשערעס — די פויערן רייבן דאָס קאָרן אויף די „זשאָרנעס" — ס׳איז נישטאָ קיין פּרנסה — אַוודאי, ווער ס׳האָט שיינע מיידן, איז דאָס בעסטע געשעפט צו מאַכן ביי זיך אַ „טשיינע".

— זיי זענען רייך געוואָרן די אַלע קבצנים, — האָט זי הויך אויס־געזיפצט, פאַרקרומט דאָס מויל און אַראָפּגעלאָזן די אויגן, גלייך זי וואָלט געזוכט צוריקצוכאַפּן דאָס לעצטע וואָרט.

אַרום איז געווען שטיל, מרה־שחורה׳דיק. שוואַרצע קראָען הענגנ־דיק אין דער לופטן, האָבן געגראַבלט מיט די נאַקעטע, רויטע פיסלעך די גרויעליידיקייט. צייטנווייז האָט זיך פאַרבייגעשלעפּט אַ זעלנער, גע־קוקט אין די אויגן און דערנאָך ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין אַ קליינעם שטובל...

רייזל האָט נאָך אַלץ מיט דין פאַרצויגענעם מויל, דראָבנע קרעכצנ־דיקע ווערטער געשפּיגן, אינגאַנצן זיך אָפּגערעדט פון האַרצן, די רייד

זענען אויף סערקען געפאַלן ווי אַ שטעכעדיקער רעגן, פאַר וועלכן מען זוכט דאָס פּנים צו באַהאַלטן. זי האָט געפילט דאָס בלוט הייס רינען אין די אָדערן און פאַר די אויגן זענען איר די ווערטער, ווי לעבעדיק אַרומגעשפּרינגען — שיינע מיידן — אַ טשיינע, — זי האָט שוין לענגער דאָ נישט געקאָנט איינשטיין און אויפהייבנדיק די אויגן געזען, ווי די געדעכטע וואָלקנס שלעפּן אַוועק דעם פאַרכמאַרעטן טאָג, האָט זי געזאָגט דער מילערקע אַ זיי־געזונט און זיך געלאָזט צום הויז ווו ציפּרע וווינט.

דאָ אינם לאַנגן שמאָלן הויז האָט אַ דינער גרויער שיין ווי אַש־שטויב באַפלעקט די געדעכטע טונקלקייט, וואָס איז געהאַנגען אויף די אָפּגעריסענע ווענט. צווישן די פיס האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע קאָנזערווע־פּושקעס, צעקלאַפּטע פלעשער, הינטער־שטובלעך זענען גע־שטאַנען אויפגעפּראַלט און פוסט ס׳האָט זיך אַרויסגעפילט אַ געשטאַנק פון צוריקגעבליבענעם פערדישן מיסט.

— זעסט, אַהער קריכן זיי יאַקאָש די „זעלנערוקעס״, האָט סערקע געברומט צווישן די ציין. שווער געאָטעמט און געזוכט די טיר. אַ פלוצימדיקער אָפּגעריסענער שאָרך איז פון נאָנטן ווינקל געקומען און איר פאַרהאַלטן דעם אָטעם:

— לאָז אָפּ פּיטליאַק, עמעצער גייט ! — האָט זי מיט אויסגעצויגע־נעם האַלז אויפגעכאַפּט דעם היימישן שאָרך. אירע אויגן זענען אין דער טונקל געוואַקסן, געוואָרן גרויס און שטאַר, ווי פאַרגליווערטע טראָפּנס.

אין דער זייט האָבן זיך געשניטן צוויי לאַנגע שאָטנס, זיך איינ־געגראָבן אין דער וואַנט ווו עס איז געשטאַנען ציפּרעס טאָכטער, די שיינע פעסל. אויף איר פּנים האָט געפלאַטערט אַ רויטקייט ענלעך צו אַ פלאַם, וואָס גנבעט זיך אַרויס פון אונטער דער קיך. אירע אויגן, פולע און שווערע, ווי צייטיקע קאַרשן, האָבן אַ ציטער געטון, צווישן די שוימיקע ליפּלעך, איז איר געלעגן דאָס גליטשיקע צונגל, ווי ביי אַ קאַץ אַ נאַשער־טע. די בלוזקע איז געווען טיף פאַרריסן, ס׳האָבן זיך געהויבן די וואַרימע בריסטלעך.

נעבן איר ווי צוגעקלעפּט, איז געשטאַנען דער זעלנערישער קצב פּיטליאַק, אַ נידריקער, ווי אַ שווערער דאָמב. זיינע אייגעלעך האָבן געבלישטשעט, געזוכט זיך אין עפּעס איינצוועגבערן. און דאָס גראָבע

פאַרשוויצטע נעזל האָט געגלאַנצט, ווי אָפּגעבריט. זיין מאָרדע איז גע־וועז שאַרף געשפּיצט און שטעכנדיק באַוואַקסן, די לאַנגע שווערע האַנט, ווי אַ פעסטע לאַפּע פון אַ צערייצטע חיה, האָט זיך געפּאַרעט אין פעסלס צעכראַסטעטן בוזים. ער האָט זי געדריקט מיט כח צו דער נאַסער וואַנט, געוואַלט זיך אין איר אַריינוואַלגערן ווי אַ קנויט אין אַ חלבן לעכטל. הויך איבער זיי איז געהאַנגען דער בוידמלאַך ווי אַ חופּה.

פעסל האָט פּלוצים אויף זיך דערפילט אַ שוידערלעכן קאַלטן בליק און איז אָפּגעשטאַנען פון פּיטליאַקן. דער זעלנער האָט הויך געאָטעמט, ווילד געפּאַכעט מיט די ברייטע נאָזלעכער, דער קאָפּ איז אים אַראָפּ־געהאַנגען, ווי ביי אַ צעיושעטן הונט. דער גאַנצער קערפּער איז אים געוואָרן שווער, ער האָט דערפילט אונטערן בויך אַ שטאַרק שניידעניש און געקוקט מיט צעזשאַרעטע אויגן אויף סערקן, געוואָלט אויסשטרעקן דעם פוס און מיט דער פּאַדעשווע פון זיין גרויסן זעלנערישן שטיוול זי צעקוועטשן.

דער יידענע האָט געצויגן אונטערן האַרצן ווי איר וואָלט זיך דאָרטן אַ קליין פרישטשיקל צעוואַקסן און געוואָרן גרויס, ווי אַ בלאָטער, וואָס קאָן אומגערעכט אויפטראַסקען.

זי איז אַ דערשראָקענע אַריין צו ציפּרען אין שטוב, שטיינגעבליבן און קוים דעם אָטעם דערכאַפּט. דער דינער, גרויער נעפּל פון האַרבן ציגאַרן־רויך האָט זיך איר געלייגט אויפן האַרצן, זי האָט מיט אַ קאַלט אויסגעטראָגענעם בליק געגנישטערט אין אַלע ווינקעלעך געפילט, ווי די ווייטיק אין האַרצן איז געוואָרן צייטיק — די שפּע דאָ האָט זי אין גאַנצן זאַלושעט...

אַרום אַ לאַנגן טיש זענען געזעסן מידע שלעפּערדיקע סאָלדאַטן, האָבן געטריקן הייסן טיי, דער גערוך פון דורכגעקאָכטן רום איז געקראָכן אין די ברייטע רויטע נעזער און שווער געמאַכט די מוחות. עס איז גע־וועזן שווער זייער פרעמד לשון צו פאַרשטיין, צי קריגן זיי זיך, אָדער דערציילן סתם, וואָס פאַר אַ חורבן זיי האָבן געמאַכט אינם שונא׳ס מחנות...

— ווער טרינקט נאָך טיי, מיינע הערן ? זער הייס !

איז ציפּרע, אַ ברייטע יידענע, געלאָפן, מיט שווערן שפּאַן איבער

דער שטוב, אין אירע מידע נישט אויסגעשלאָפענע אויגן איז געלעגן דער גאַנצער כוח פון וויבערישער געניטשאַפט געלד צופאַרדינען. זי האָט געשטשורעט די בלאַסע גאַמבע, מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל צווישן די געקאַרטשעטע מויל־ווינקלען, געררייצט די טעמפּע זעלנערישע בליקן, וואָס זענען געהאַנגען אויף איר פולן בוזעם. די געווווינטע הפקרדיקע חוצפה פון דער בעדערקע, צו דרייען זיך צווישן די נאַקעטע מאַנסבילן, האָט געשיינט פון אירע אויגן.

— כע—כע—כע, מאַמעלע. גיב נאָך, מיט אַ סך רום... האָבן די סאָלדאַטן מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ זיך געקוועטשט צום לאַכן און גנביש געטוליעט זייערע ברייטע לאַפּעס צו איר פולן געזעס.

אַ צאַפּלדיקע, האָט ציפּרע זיך אַרויסגעדרייט פון צווישן זייערע פּי־בערדיקע קני, געלאָזט זיך צום אויוון און, מיט אויסגעצויגענע גראָבע הענט, געשלעפּט פולע בלעכן מיט אַנגעוואַלגערטן שטראָדל, געפּילט דערביי דעם זאַטן טעם, וואָס קומט דענסמאָל, ווען זי שיט אָן אַ פולן קריג מיט פאַרדינטע זילבער־שטיקלעך און באַהאַלט זיי טיף אונטן אין קופערט אַריין.

סערקעס אומרויקייט איז געוואַקסן, די צונג אין מויל געשמאַרצט, איין געדאַנק האָט געשלאָגן דעם צווייטן. זאָל זי שעלטן — אָדער דער־ציילן אירע צרות, אַז ביי איר איז אומעטיק, די פרעמדע מויד און דער טויבער מאַן וויזן זיך נישט אין גאַס אַריין, פרעסן אויף דאָס לעצטע ביסל קאַרטאָפלעס, וואָס זי האָט ביי גוטע מענטשן צונויפגעבעטן און אָנגעגרייט פאַר די קאַלטע ווינטער־טעג, אָדער זאָל זי וואָרנען ציפּרן, אַז זי זאָל אַכטונג טון אויף איר מויד, וואָס איז געוואָרן פאַרדאָרבן און האָט פאַר גאָט נישט קיין מורא...

ס׳זענען איר פּלוצים אַרויסגעפאַלן אַ פּאָר אָפּגעריסענע ווערטער:

— אַ מצווה אויף דער גראָבער רייזל — דאָס פּעטס פּלעגט איר שווין אַרויסקריכן פונ׳ם נאַרגעל, אַז ס׳שטייט ביי איר די מיל, וויל זי זיך מאַכן אַ טשיינע — פאַרוואָס נישט — אַ קרענק איר אין בויך־אַריין, זאָל זי אויכעט באַקן שטראָדל, ס׳איז דאָ געגוג פולע עפּל... זי האָט אויס־געשטרעקט אַ פאַרהאַלעטע האַנט און מיט פאַלשן מבינות אַ טאַפּ געטון אַ לאַנגן אַנגעיורענעם שטראָדל:

— פון ראַזאָווע מעל, אַ יאָ ציפּרע, האָט איר דאָס טייג געקנעטן? גיין, וואָעדען שיין מעל, וועט זי פאַרזייערטעוועגן באַקן...

ציפּרע, האָט אָפּגעקערט דאָס פּנים פון אָנגעהייצטן אויוון, מיט אויפגעבליצטע אויגן, סערקן אַ דורכגעשפּיזט, אויף אירע אָנגעפלאַמטע באַקן זענען שטיינגעבליבן צאַרנדיקע קנייטשן.

— קוק זי נאָר אָן, — ווי זי איז געקומען מיך אויסשפּיאַנירן, זי איז קראַנק צו זיצן דאָרטן פון יענער זייט בריק?

— אַז פאַרשרפּהט מעגן ווערן די מאַמעס, מיט די טעכטער — פאַטער אין הימל, האָט סערקע זיך צעשאַלטן, און מיט כעסיקן בליק געקוקט צום טיש, ווו די זעלנער זענען געזעסן — אָט, וואָלט זי זיי אַ זאָג געטון, אַז ציפּרעס טיי שטינקט...

די בעדערקע, האָט דערפילט, ווי די שפּיציקע ווערטער גראבן זיך איר איין אין דער לעבער, האָט זי אנגעהויבן רוקן מיט די בלעכן, שלעפּן צווישן די קאָטשערעס און לאָפּעטעס, אירע פינגער זענען געוואָרן לאַנג, געוואָלט זיך אַ דראַפּע טאָן סערקען צווישן די האָר.

— אַזאַ שפלה, — די אויגן קריכן איר אַרויס, דער נישט פאַר־גינערקע, — האָט ציפּרע אַריינגעשריגן אין אויוון אַריין. און ס'האָבן אָנגעהויבן פליען קולות, ווי צעשיטע פעדערן, פון אויפגעריסענע איינשיטן:

— די בעדעררוטשקע, וואָס מיינסטו, האָסט אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פוס — זע נאָר זע, אויך מיר געוואָרן אַ נגידות...

— די הייזערשלעפּערן — „מאַמעטלימעניצע", גייסט מיר אַרויס פון דער שטוב, ווייל איך טו דיר אָן די שמאַטע אויפן קאָפּ. און ציפּרע, האָט אַ הויב געטון דעם נאָסן זאַק, מיט וועלכן זי פלעגט אויסצעווישן דעם אויוון.

ביים טיש האָט אָפּגעדונערט אַ האַרט זעלנעריש געלעכטער און די טיר, האָט זיך פלוצים געעפנט, אויף דער שוועל איז פעסל שטיינ־געבליבן אַ צערודערטע, מיט פאַריסענע אויגן, געשריגן מיט ברייט אויס־געצויגענעם קול:

— מאַ־מע — מאַ־מע, ס'זענען אָנגעקומען פרישע זעלנער פון דער

פראָנט, פּיטליאַק, האָט געזאָגט, אַז זיי בלייבן דאָ צום צוג, וואָס גייט אָפּ ביי נאַכט קיין טאַר־נע־פּאַל.

ביידע ווייבער זענען צעטומלט געוואָרן, ציפּרע, האָט דערזען איצט פאַר זיך אַרומשווימען לאַנגע הענט, וואָס שלעפּן הייסע שטיקלעך שטראָ־דל און וואַרפן געלד גלייך אין פּאַדעלעק אַריין...

און סערקע איז געשטאַנען, ווי אַ פאַרשפּעטיקטער פאַרשוין וואָס קוקט מיט קאַלטן בליק, אויף לעצטן סליאַד פון אַנטלויפנדיקן באַן... מיט שוימיקע קללות אויף די נאַסע ליפּן איז זי אַרויס אין דרויסן.

דער בין השמשות האָט מיט פולער גראַציקייט צוגעדעקט די קליינע הייזלעך, טיף געבוקטע צו נאַסער ערד. די געוועלבלעך זענען שוין געווען פאַרמאַכט, פאַרלייגט מיט לאַדנס. שווערע און פינסטערע וואָל־קנס, ווי גאַנצע בייטן אַרויסגעריסענע געמויזעכצער, זענען געשווימען בידריק איבערן שטעטל און פון דערווייטענס אויף פוסטע האַרבסטיקע פעלדער זיך געדעכט צונויפגעשלאָגן, גלייך די ערד, האָט זיך פּלוצים אין דער הייך אויפגעהויבן.

סערקע איז געלאָפן, מיט לעצטער אַנשטרענגעניש, געוואָלט, וואָס גיכער זיין אין דער היים. דער מיטגענומענער צאָרן האָט געפּיקעט, מיט אַ ווייטיק זיך איינגעפּרעסן אין האַרצן. אויף איר פּנים, איז אויפ־געשווימען אַ צייטיקער פאַרדרוס. אַ פאַרדרוס צו ציפּרען און איר מויד, אַ פאַרדרוס צו שיינדלן, אַ פאַרדראָס צו קלמנען, צו דער גראָבער רייזל און אַ פאַרדרוס צו דער גאַנצער מלחמה, מיט די לייזיקע סאָלדאַטן. דער אָטעם איז איר אַלע מאָל שווערער געוואָרן, דער מוח ליידיק, אויסגעלאָשן יעדע מחשבה, נאָר איין געדאַנק, האָט געבריט, געזשאַרעט, ווי אַ פונק אין אַש:

— זי, שיינדל, איז אַ געזונטע מויד... זי וועט איר שוין ווייזן, ווי אַזוי מען מאַכט אַ חנדל צו אַ זעלנער, און אויב זי וועט נישט וועלן, וועט זי אַרויסטרייבן זי פון דער שטוב. זאָל זי גיין זוכן איר בלינדע מאַמען, ערגעץ ווייסט דער שוואַרצער יאָר ווו...

אירע אויגן האָבן אַנגעשטרענגטערהייט געעגבערט די טיפקייט פון דעם קאַלטן בין השמשות, זי האָט מיט ברייטע שפּאַן געאיילט צום בריקל.

אין די שמאָלע טונקלע געסלעך האָט פאַמעלעך אָנגעהויבן דער רעש צו וואַקסן, דאָ אין דאָרטן איז אַ בחור איילנדיק פאַרשוווּנדן. פאַר די טירן האָבן זיך באַוויזן מיידן, געדרייט זיך חוצפּהדיק, ווייבער פאַרהילט אין שאַלן, מיט פּעקלעך אונטער די פאַרטוכער זענען געלאָפן, צוגעוואָרפן איינער דער אַנדערער קנאה־בליקן און פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די שטיבלעך. פון דער ווייטנס האָט מען שוין געהערט דאָס בלאָזן פון אַ גרויסן פאַרדרייטן מעשענעם טרומייטער, און אַ שווער געזאַנג האָט זיך געטראָגן וואָס אַמאָל נענטער:

— ווען די סאָלדאַטן אין שטאָט אַריין מאַרשירן,
מאַכן אויף די מיידלעך
די פענצטער מיט די טירן.
דזשין — דאַ־ראַ־סאַ — בו־מ־ס.

דער שטראָז פאַרפלייצט, מיט פערד וואַגנס, סאָלדאַטן, וואָס זענען געגאַנגען מיט געמאָסטענעם שפּאַן און דער שווערער טריט, האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם פּלעסקנדיקן קנעטן פון פערדישע קאָפּיטעס, געזונקען אין צעווייקטע ערד. פון זעלנערישע פינסטערע אויגן, האָבן די בליקן געשראָקן, מיט אומהיימלעכער פעלד פּוסטקייט, די ברודיקע פּנימער, פאַרינענע, מיט האַרבן שווייס, זענען ביי זיי שווער אַראָפּגעהאָנגען, ווי ביי אַ מידער געטריבענער טשערעדע. זייערע צונויפגעדרייטע שאָטנס, האָבן זיך געשאַרט איבער דער בלאָטע און אויסגעזעצן, ווי חיות, וואָס קריכן אַרויס פון ערדלעכער. אין דער געשוואָלענער לופט איז געהאַנגען, אַ ציטערנדיק הירזשען פו איבערגעשראָקענע פערד, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך די באַפעלערישע שרייענדיקע רייטער, די קולות זענען געקומען, ווי פון איינגעשנירטע העלזער, די אונטערשטע סאָלדאַטן האָבן זיי אויפגעכאַפּט, איבערגעגעבן ביז צום לעצטן מאַן און פאַמעלעך, האָט מען זיך דערנענטערט צום פּוסטן מאַרק, וואָס איז ביז איצט געלעגן שטיל און אומהיימלעך געלויערט אויף דער קאַלטער פינסטערער נאַכט.

מיט אַ פּלוצימדיקער אויפגעבונדענער פרייקייט, האָבן זיך די סאָלדאַטן בינטלעכווייז אַ לאָזגעטון איבערן שטעטל. זייערע קולות זענען געוועזן פייכטע מיט אַ פון לאַנג נישט געלייטערטער תאוהדיקע צוצויגנקייט. אין דער טונקלקייט האָבן געציטערט אָפּגעהאַקטע געלעכטערס. ס'איז געווען יענע פרייד, וואָס טוט זיך פּלוצים אַ גאָס פון האַרצן, ווי

פון אַ פאַרשטעקטן קוואַל. זיי האָבן אָנגעפּולט די יידישע טשייניעס און דאָס לעבן האָט זיך איצט צעגאָסן אינם מאַטן גלאַנץ פון קליינע ליכט קאַניצן...

סערקע האָט אַ צאַפּל געטון פאַר פרייד. אויך דאָ צווישן די צע־וואָרפענע געסלעך, זאַטע מיט פויערישע פוילקייט, אַרויספילנדיק זיך פון די נידריקע הייזלעך, זענען געשטאַנען הויכע, אָנגעלאָדעוועטע מילי־טערישע וואָגנס. די סאָלדאַטן האָבן געשריגן, גערופן איינער דעם צוויי־טן. די קולות זענען פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די בלאָטיקע טאָלן. ס׳האָט אָפּגעהילכט אַ קוויטשעדיק געלעכטער פון אַ צעפּאַטלטער שיקסע, וואָס האָט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל געבאַרעט מיט אַ סאָלדאַט. דאָס קול האָט פון דערווייטנס זיך אָפּגעהאַקט, מיט שווער פערגייענדיקן סאָפּ. סערקע האָט ווייטער געסליפּעט אין דער פינסטער און דאָס האַרץ האָט גע־פלאָטערט, ווי אַ כרישטש אָנגעבונדן אויף אַ פאָדים. זי האָט זיי געוואָלט אָפּשטעלן, עפּעס זאָגען, איז איר דאָס קול צערונען געוואָרן אויף די ליפּן. זי איז אַריבער דאָס בריקל און געזען אין דער זייט זיך שוואַרצן דאָס נידריקע פויערישע הייזל, וווּ זי האָט געוווינט. זי איז שטיין־געבליבן, געקוקט אויף די שויבן אנגעוואַקסענע מיט פונסטערער נאַכט.

אירע געדאַנקן זענען געוואָרן איבערגעריסן, ווי מיט אַ שער צע־שניטן און פאַר אירע אויגן האָט אַלצדינג אַ וואַקל געטאָן, ווי פון אַ שטורם־ווינט געטריבן. זי האָט אָנגעהויבן שעלטן, מיט פאַרדרוס קלאַ־פּן אין פענצטער.

ס׳האָט זיך דערהערט שיינדלס כליפּנדיק קול:

— וואָס האָט איר אייך אַזוי לאַנג געזוימט? די זעלנער האָבן שיעור נישט איינגעלייגט די טיר — אייער קלמנען האָט געכאַפּט דער בויך פאַר שרעק.

סערקע האָט איצט געוואָלט דערלאַנגען דער פרעמדער מויד אַ קניפּ, אַז ס׳זאָל ביי איר בלייבן אין דער האַנט אַ בלוי שטיק פלייש.

— שאַ, וואָס האָסטו דיך צעוויינט — קוק זי נאָר אָן — אַזאַ גרויסע מויד — האַ, שעם דיך... נעם צינד גיך אָן דעם לאָמפּ.

און ווען ס׳האָט אָנגעהויבן דער לאָמפּ צו שיינען, איז סערקעס צאָרן פאַרלאָשן געוואָרן. זי איז געלאָפן איבער דער שטוב מיט יענער אומרויקייט, וואָס ווערט נאָר דענסטמאָל געבוירן, ווען מען רעכט זיך

אויף נעסט. זי האָט איינגעהייצט דעם אויוון און איילנדיק אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר.

— אַ יידינע גייט אַ וועק און זאַמט זיך אַפּ צוויי שעה — ווי ביזטו געווען ?...

סערקע האָט נישט געהערט, וואָס דער אַלטער וואָרטשעט דאָרטן אין ווינקל.

— נו, שיינדל גיכער — מאַך דיך צורעכט... האָט זי דאָס מיידל געשטאַרקעט און זי אויסגעדרייט פאַרן שפּיגל.

שיינדל האָט געקוקט מיט גרויסע דערשראָקענע אויגן. סערקע האָט שטיל און האַפּערדיק אַרויסגעהאַפּקעט אין הויז־אַריין און שטיינגעבליבן אין דרויסן פאַר דער שוועל. אויף אירע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ צעקוועטשטער שמייכל (ס׳איז געווען יענער שמייכל, וואָס ווערט געבוירן פאַר דער צייט). אירע געדאַנקען האָבן זיך געצונדן און געלאָשן. זי האָט מיט ציטערנדיקע אויפגעבליצטע אויגן נאָכגעקוקט די פאַרביישלעפּנדיקע סאָלדאַטן, וואָס האָבן מיט שווערע טריט געפּאַטשט אין דער בלאָטע און זיי פּלוצים אָנגעהויבן רופן מיט אַ ווייכן אויסגעצויגענעם קול:

— בעסטע הערן, קאָמען זי אַריין — טעע מיט רום און אַ מעדל דאַצו!!!

פון די פינסטערע טאָלן איז געקומען אַ שאַרפער ווינט, מיט אַ בייזער געפּאַטשט די יידענע איבערן מויל, מיטגעריסן די צעקאַליטשעטע ווערטער און זיי אַוועקגעטראָגן אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין.

אַ שמייכל אין בין השמשות

אַ שמייכל אין בין השמשות

— שענקט עפּעס גוטע מענטשן אַן אָרימער קאַליקע!

דאָס קול מיט דעם אָפּגעריבענעם קלאַנג האָט זיך אָוועקגעטראָגן מיט׳ן רעש פון דער גאַס, נאָכגעשלעפּט האָט זיך בלויז אַ קרעכץ — שענקט — שענקט . . . דער עולם מיט גרויסע, שטאָקיגע הייזער אין די אויגן, איז נישט גערירט געוואָרן, און האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם אָרימאַן מיט׳ן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, וועלכער האָט נישט געביטן דעם קרענקלעכן בליק, און מיט מער חשק געשטופּט די דינע, בלויע, ציטערדיקע האַנט אינ׳ם צעפּליקטן ארבל פונ׳ם אַלטן כאַלאַט.

דער אָרימאַן איז געווען געוואוינט צו זען ווי מענטשן גייען פאַרביי און קוקן זיך נישט אום אויף אים, ער האָט נישט געשאָלטן, ווי דאָס טוען געוויינטלעך, יענע אָרימעלייט, וועלכע ליידן פון אַ קרענקלעכער מאַניע, צו שנאָרן, אָנצוזאַמלען געלט, וואָס זיי האָבן ליב צו פאַרגראָבן אָדער באַהאַלטן, און קיינער זאָל פון דעם נישט וויסן, נאָר ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיט דעם כסדר׳דיקן פאַרציען די קרענקלעכע באַקן, האָט דער אָרימאַן אויסגעאָטעמט אַן איינגעג׳חזר׳טע תפילה.

אַזוי האָט דער פינסטערער אָרימאַן, ווי אַ נאַסע שמאַטע זיך נאָכ־געשלעפּט דער פייכטער, קאַלטער וואַנט פון אַ מויער, וועלכע איז געווען זיין צוקאָפּנס. ס׳איז שוין געווען גוט שפּעט.

ווי אַן אָפּגעריבענער, אַלטער, גרויער שירם איז דער בין השמשות געלעגן איבער דער שטאָדט, און גראָד איצט ווען די גאַסן הויבן אויף די ליכטער איבער זיך, און דער עולם, וואָס איז בעסער אויפגעלייגט, וואַרפט גיכער עפּעס צו, האָט דער אָרימאַן פּלוצים דערפילט ווי עס ווערט אים שווערער אויפ׳ן האַרצן, און זיין בליק האָט אַרויסגעצויגן פון די אויגן אַ באַהאַלטענע מורא.

דער אָרימאַן האָט דערזען פונדערווייטנס זיך שלעפּן אַן אַלטע,

אָפּגעשליסענע פּרוי, זי האָט זיך געשלעפּט אין דער זייט ביי די לאָדנס, שווער באַלאָדן מיט דער מידקייט פון׳ם טאָג איז זי געקראָכן מיט די געשוואָלענע פיס, וועלכע זענען אַלע יאָרן געווען אונטערטעניק צו באַלע־באַטים, און זי האָט געזוכט אין די דראָטערנע קיישלעך אָנגעבונדן ביי די אייזערנע לאַמטערן־סלופּעס, פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט שטיקלאַך אָפּפאַלעכצער און זיי אַריינגעוואָרפן אין דער שטריקענער טאָרבע, וואָס איז געהאָנגען ביי דער זייט פון איר נאָכגעלאָזענעם בויך. דער אָרימאַן וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער מויער נעבן די רינשטאָק גראַטעס, האָט אָנגעגרייט צווישן די מויל־ווינקלען, אַ מינע, צו אַ העכערן קרעכץ, און מיט יעדן טריט וואָס די זקנה איז געקומען נענטער, איז ביי אים דער קרעכץ געוואָרן ווילדער, ענלעך צו דעם האווקען פון אַ הונט, ווען ער דערזעט אין זיין שיסל די מאָרדע פון אַן אַנדערן. ער האָט זיך געשראָקן טאָמער וועט זיך אים אָוועקשטעלן די אַלטיטשקע אין דער זייט, און אים קאַליע מאַכן דאָס געשעפט. ס׳האָבן זיך באַגעגענט פינסטערע פייערלעך פון צוויי פּאָר ציטערדיקע אויגן . . .

דער אָרימאַן האָט מיט אַן אָנשטעל איצט נאָך מער אויסגעשטרעקט די פינגער און זיך געצאַפּלט: — שענקט — שענקט . . .

פּלוצים, האָט ער דערפילט די האַרטקייט פון אַ מטבע, וואָס די אַלטיטשקע האָט אים אַריינגעשטופּט. זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, נאָר אים געוואונטשן געזונט און זיך ווייטער אָוועקגעשלעפּט . . . ער האָט איר נאָכגעקוקט . . . אינ׳ם בין־השמשות, האָט זיך באַוויזן אַ בלייכער שמייכל אויפ׳ן פּנים פונ׳ם אָרימאַן . . .

געדנז

ג ע נ ד ז

— אַט־אַט פֿאַלט צו די נאַכט און זיי זענען נאָך נישטאָ — איז פֿראַדלען אַלץ שווערער געוואָרן אויפֿן האַרצן. זי איז געשטאַנען אָנגעלענט באַם פֿענצטער, געעגבערט דעם בליק דורך די פֿאַרמעקטע שויבן און אויפֿגעכאַפּט יעדן פֿאַרלוירענעם שאָרך.

— עך וועל אַראָפּגיין צום טאָל, אפשר זענען זיי דאָרטן — און זי האָט גענומען זוכן איר שאַל. איר פּנים איז געווען טריב, ווי די טונקל פֿאַרנאַכטיקע אָסיען־שעה, די באַקן־הויטן געקאָרטשעטע, ווי צוגעלעגערטע קרויט־בלעטלעך, די קליינע פּייכטע אויגן אָנגעלאָדן מיט זשאַרנדיקער אומצופֿרידנקייט, וואָס וואַקסט געוועגלעך אַרויס פֿון יענער זאַטער אָרימקייט, וואָס וואַרפֿט אַ באַשטענדיקן חוב צו שלעפּן אויף זיך דעם עול פֿון באַלעבאַטישקייט.

— דו הערסט, טאַטע, עך לויף זען, ווו זיי זענען, — אַז מלך וועט קומען, זאָל ער אַריינברענגען אַביסל וואַסער און אַראָפּגיין צום טייך, אָדער אַ קוק טון אויף די מיסטן.

— אַז מען פֿאָלגט נישט אַ בלינדן טאַטן — איז אַזאַ ביטערער קרירה — נאָ פֿרעג עך דעך — האָט דער אַלטער זי באַגלייט מיט אַן אויסגעצויגענעם קרעכץ. פֿאַרוויקלט אינם שוואַרצן שאַל איז פֿראַדל אַרויס אין דרויסן.

אין די גאַסן איז געלעגן אויסגעשפּרייט דער פֿאַרמאָרעטער חשוון־רוקן, געשראָקן מיט אומהיימלעכער פֿייכטקייט דעם גוססדיקן טאָג. די געהויקערטע ליים־שטיבלעך זענען געלעגן טיף געהילט אין גרויער נעץ, ווי אַרויסגעוואַקסענע פֿון דער בלאָטע. איבער זיי האָבן זיך געצויגן געדעכטע וואָלקנס, געטריבענע פֿון קאַלטן אָסיענווינט. פֿראַדל האָט איילנדיק געקנעטן די שווערע נעץ, געזוכט אין אַלע זייטן און געפֿילט, אַז ווען זי באַגעגנט איצט די „הליווע כלב׳טע“ גיין מיטן אויסגעצויגענעם

האַלדז, ווי אַ קאָמאַנדאַנט פּאַרויס, וואָלט זי איר נאָכגעלאָפן אַ שטיק וועג, זי געכאַפּט און איר אַרונטערגעדרייט די פליגל . . . זאָל זי וויסן, וואָס דאָס הייסט אָנטון צרות . . .

אין די שמאָלע צענויפגעקוועטשטע פאַרשטאָט־געסלעך, אויף אָפּ־געריסענע ריוועס, איז געשטאַנען אַ חברה שקצימלעך, זיך טאָלאָפּעט אין אַ פאַרשפּאַרטער ריטשקע. ס'האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קול פון אַ אָנגעריטענער שיקסע:

— הע־ע־אָטי־קודאָשטו.

דאָס פערד האָט געפאַרסקעט מיט די פייכטע נאָז־לעכער, געשפּיצט די אוירן און מיט פאַריסענעם ווײדל געטענצלט אין דער בלאָטע, ווי ס'וואָלט מורה געהאַט ווײַטער צו גיין.

פראַדל איז אַ צערודערטע שטיינגעבליבן אין מיטן וועג, צונויפ־געצויגן אינם האַריקן שאַל, האָט זי אויסגעזען, ווי אַן אָפּגעריסענער כמאַרע־קנויל, דער אָטעם אין מויל איז איר געדעכט געוואָרן, אַ צע־טומלטע האָט זי געקוקט אויפן פערד.

— הייטאַ — נעביסיע — דאָס קול פון דער שיקסע איז געקומען קוויטשעדיק־אָפּגעריסן, זי האָט געוואָרפן מיט די גלאַנציקע אויגן, אויס־געשפּיגן אַ רציחהדיקע קללה און אַ דרוק געטאָן די נאַקעטע ליטקעס צו וואַרימער פעל פון פערד און פאַרשוווּנדן אין אַ ברייטן הויף. די שקצימלעך קלענערע און גרעסערע, מיט קויטיקע פּנימלעך, האָבן זיך געשטיקט אין אַ געלעכטער, אויסגעצויגן די קליינע מאָרדעלעך, ווי אָנגערייצטע הינטלעך, און געשריגן:

חים שלום, אַ גוטער ייד,
דער ווינט ווייעט — און ער פליט . . .

מיט געוויינטער שוואַכקייט פון דערנידריקטן מענטשן, האָט פראַדל אַ קאַלטן זיפץ געטאָן:

— איך דאַנק דיר גאָטעניו דערפאַר . . .

רעטשן־שטרויענער טשאַד, שוואַרץ געדעכט, איז אַראָפּגעהאַנגען פון נידעריקע דעכלעך און קנויליק זיך געלייגט צו נאַסער ערד. די געסלעך זענען פול געוואָרן מיט בייזן הינטישן וואָיען, זאַטן בהמה'שן

רעווען און מיט אָפּגעהאַקטע ווערטלעך פון פאַסטעכער, וואָס זענען אָנגעקומען פון די לאַנקעס.

פראַדל האָט זיך צוגערוקט צו זיי מיט געשטיקטן אָטעם:

— לודענקי גוטע, עך בעט איך, זאָגט, אפשר האָט איר באַגעגנט ערגעץ פאַרבלאָנדזשעטע גענדז עך זוך זיי, טאָמער ווייסט איר, זאָגט, מענטשן גוטע...

אויפגעריסענע אויגן, פאַרשווומענע מיט חוזק־געלעכטער, זענען בייז אויף איר הענגען געבליבן. ס׳האָט אָפּגעהילכט אַ קנאַק פון אַ בייטש:

— גייט אַוועק פון וועג! — די בהמות קענען נאָך ווילד ווערן, „זשעדיווקע״ נאַרישע, מיר האָבן נישט באַגעגנט דיינע גענדז...

דאָס מרוטשען פון די בהמות האָט זיך אַריינגעריסן אין די נידעריקע הייזלעך, אָנגעזאָגט זייער אָנקומען, האַלבע טויערן האָבן זיך אויפגעפּראַלט, פון דער סטאַדע האָבן זיך איינצעלנע קי מיט שווערע אײַטערס מילך אָפּגעטיילט, דערנענטערט זיך מיט שטומען בהמישן בליק צום טויער אויפגעהויבן אַן עק און צוריקגעלאָזט אַ וויכן, גרינעם פלעק אויף דער בלאָטע.

פראַדל האָט געקוקט מיט שטומען בליק, און געפילט בשעת־מעשה, ווי אַלעס אַרום איר ווערט פאַרשטיינערט:

— וואָס טוט מען איצט?...

מיט ציענדיקער ווייטיק איז זי ווייטער געגאַנגען צום טאָל. די פעלדער האָבן זיך געשוואַרצט פון דער ווייטנס נאַקעט גרוי, אויסגעוועפּטע ביזן לעצטן טראָפּן. ווייט אין טאָל האָט זיך געוויזן אַ שוואַרצער פלעק, געוואָרן אַלץ גרעסער זיך דערנענטערט. פראַדל איז מיט אויפבליצנדיקע אויגן שטיינגעבליבן. פון מויל איז איר אַרויס אַ ענגער אָטעם, וואָס האָט געזעגט אירע לונגען און איבערן פנים איז זיך איר צערונען אַ דערפרייעוודיקע מינע. ס׳איז אָנגעקומען אַ באַקאַנטע, די קרומע בעטלערקע, באַ וועלכער פראַדל פלעגט אָפּקויפן דאַרע פאַרשימלטע ברויטן פאַר די גענדז וועגן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט שטומע פריינטלעכע אויגן:

— דאַי, באָזשע! *)

—דאַי, האָספּאָדי**)—האָט די בעטלערקע געענטפערט און פאַרקרומט דאָס פּנים, וואָס איז געווען בלוי פאַרלאָפן, אָנגעפּאַטשט פון ווינט; די נאָז פויל צעפּלעטשט, איינגעשרומפּן ביז אין די טרוקענע באַקנפּליישן, פון וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעקוקט צוויי פייכטע נאָז־לעכער. איר רעכטע האַנט איז אַראָפּגעהאָנגען אויף אַ הילצערנע קילע, הינטן האָט זיך געבאָמבעלט איר קורצער פוס. אויף דער האַרבאַטער פּלייצע איז איר אָוועקגעשטאַנען אַ קליין קלימיקל און פון פאַרנט אַ פולע טאָרבע.

— איר קומט פון אַ באַגרעבעניש, מאַמעלע? — האָט פראַדל גע־פרעגט און הענגען געלאָזן אַ מבנישן בליק אויף דער אָוועקשטייענדיקער טאָרבע.

די בעטלערקע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און געענפערט:

— עט, סע שטאַרבן נאָר אָרימעלייט — און שנאָרערס זענען זיך צונויפגעקומען פון דער גאַנצער געגענט. — אָביסל ברויט האָב עך דאָ יאָ פראַדלאָ — און טאָקע געוואָלט איצט צו אייך אָפּטרעטן — אַ וועט־שערע פאַר אייערע גענדז וועגן.

— אָט גיי עך זיי טאָקע זוכן — קריך שוין אַרום אַ גאַנצן פאַרנאַכט, אָזש די קישקעס אין בויך טוען וויי, אָז דער שלאַק זאָל זי טרעפן, די „הליווע כלב׳טע" — צו ווייסט איר, וואָס עך שטיי מעד אויס פון איר זייט צען יאָר? זי איז אפילו זייער קלוג, אָבער אַ גרויסע נאַשערטע, יעדן ערב־פסח ליגט זי אָן אייער, זעצט זיך אַליין אויף, פירט אויס קליינע גענדזעלעך, זומער שלעפּט זי זיי אַליין פּאַשען, נאָר אָז זי גייט פאַרנאַכט אַהיים כאַפּט זי זעך אַריין אין אַ פרעמדן גאָרטן, ציפּט אָפּ די בליענדיקע בלעטלעך פון די קאַרטאָפּלעס, דזשיבעט אָפּ די קוקורודזעס אָדער טוט אָפּ סתם שאָדן און שפּעטער קומט זי אַהיים צוהאָצקען אויף איין פוס, אָדער ס׳פעלט איר אַ גענדזל — ווער ווייסט, ווו זיי זענען איצט ערגעץ — נאָ זעט איר שוין, וואָס עך שטיי מעד אויס פון זיי — האָט פראַדל דערלייכטערט אויסגעאָטעמט.

*) גאָט העלף.

**) העלף אַלמעכטיקער.

דער בעטלערקעס אויגן האָבן איצט אויסגעזען, ווי צוויי געדעכטע טראָפּנס, וואָס קענען שטאַר פאַרגליווערט ווערן, אָדער זיך אין גאַנצן צערונען. מיט ווייכן קול פון בעטלערישער חניפה, האָט זי געענפערט:

— „טאָקע זיי נישט באַגעגנט — אפשר זענען זיי שוין אין דער היים — זאָלן זיי נאָר געזונט זיין — מען האָט דאָך פון זיי „פּאָזשיטעק" און זי האָט געשטופּט די קולע פאָרויס.

דער נאַקעטער טאָל האָט בייז אַ ציטער געטאָן, ס'האָט זיך אָפּ־געריסן אַ ווינט און געשוויבערט אין דער לופטן.

ביידע וויבער האָבן זיך אָוועקגעשלעפּט אין פאַרנאַכטלעכער גראָע־קייט באַגלייט פון שוואַרצע סטאַדעס קראָען, וואָס האָבן געהאַקט מיט די שנאָבלען, ווי זיי וואָלטן זיך געזעטיקט מיט דער קאַלטער טונקלקייט. אַ חברה שיקסעס מיט יונגען, וואָס זענען אַ היימגעגאַנגען פון פעלד־אַרבעט האָבן זיך צעזונגען:

— אויפן באַרג
פליען פליגן
און אין טאָל — די בוזשקע.
די פריצה איז געגאַן אין קלויסטער,
דער פריץ צו האַנושקע . . ."

אָפּגעריסענע ווידערקולות זענען צוריקגעקומען פון די פייכטע טאָלן, ווי פון צעפּוילטע פעסער, און זיך פאַרלוירן אין ווייטער טיפעניש.

— אַז איר וועט פאַרבייגיין, זאָלט איר אָפּטרעטן — איר הערט, מאַמעלע — עך וועל אייך געבן אַביסל יושקע, וועט איר זיך די קישקעס דערוואַרימען — האָט פראַדל רחמנותדיק אַ צי געטון מיט דער נאָז און אָנגעשטעלט דעם פאַדאַלעק. די בעטלערקע האָט איר דאָרט אָנגע־וואָרפן אַ פּאָר דאַרע רעפּטלעך ברויט, געווינטשן איר געזונט און אָוועק־געגאַנגען הינטנאַרומעט מיט די גערטנער.

און פראַדל איז ווייטער געקראָכן צווישן צעוואָרפענע שטיבלעך, אָנגעוואָקסענע ווי טשערעקעס, געזוכט אויף מיסטן און אין איינגעפאַלענע חורבות און גערופן:

— הוסיאַ־סיאַ־סיאַ . . . דאָס קול איז צעברעקעלט געוואָרן אין דער נאַנט. דער ווינט איז ווילדער געוואָרן, מיט אַ בייזער געוואַלט

אַרויסרייסן די הייזלעך פון איינזינקעניש און פאַרוואָרפן ביז ווייט אונטער די וואָלקענס.

מיט שווער פאַרהאַקטן אָטעם און מידער צעריסנקייט איז פראַדל געשטאַנען באַ זיך אינם ענגען פעדער־הייזל. דאָ האָבן זיך געוואָלגערט צעבראָכענע קעסטלעך נאַסע זעק און הויפנס שמאַטעס. פון זיי אַרויס האָט געשוויפטשעט דער דלות, ווי אַ הונט אויף דער קייט. פראַדל האָט אויפגעמאַכט דאָס ברעטערנע קאַמער־טירל, ווו די גענדז פלעגן נעכ־טיקן, און אַריינגעבויגן דעם קאָפּ. אויף די פינסטערע, שימליקע ווענט־לעך איז געפאַלן אַן אָפּגעריסענער זיפץ:

— וואָס־דען כאָ נישט געוווסט מיינע צרות?

פויל און שווער מיט אָנגעבאָרשטע בייכער, האָבן זיך געשלעפּט די הינער, מיט ברייט צעשפּרייטע פליגל און הענגען געבליבן אויף האַלבע, אָפענע טירן. פראַדל האָט זיי געציילט און זיך צעשריגן:

— מיין ביטער האַרץ וועל עך אויסלאָזן צום האַנעץ — צו וואָס טויג ער מיר, אויסגעפּרעסן, ווי אַ לאַשעק — עך וועל אים אָוועקלייגן אויף שבת — וועל עך אים . . .

און זי איז אַריין אין שטוב אַריין. אויף די קויטיקע ווענטלעך איז געלעגן אַ פייכטע טונקלקייט, ווי אין אַ פאַרלאָזן שוויצבאָד, ס׳האָט זיך געפילט אַ זוירער ריח, וואָס האָט פאַרזעצט דעם אָטעם. באַם אויוון אויף אַ הויכן קאַסטן, אויף אַ אונטערגעבעט געל איינשיטל איז געזעסן איינגעבראָכן דער אַלטער טאַטע. אויף זיין גרויען שפּיץ קאָפּ האָט געקלעפּט אַ פאַרשמאַלצעוועטע יאַרמולקע, איינגעטונקן אין פעדערן־מאָך. זיינע בלינד אויסגעלאָשענע אויגן, ווי צוויי פינסטערע גריבער, האָבן געשטאַרט פאַר זיך. אויף זיין קוים אַרויסזעענדיקער שטערן־הויט איז געלעגן די שווערקייט פון דער עלטער. ער האָט געהאַלטן אַ זשמיט פעדערן צווישן די פינגער.

— דו ביסט עס, פראַדל ? . . .

ער האָט דערקענט דאָס שאַרעווען פון אירע שקראַבעס. מיט פינ־סטערער נייגעריקייט האָט ער אויסגעצויגן דעם איינגעטרוקנטן האַלדז. פראַדל׳ס שווער סאָפּען האָט צעבלאָזן די פעדערן:

— עך וועל עס נישט איבערלעבן — די גענדז זענען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, — וואָס פֿאַר אַ וויסטער בר־מזל עך בין, אויסגעקראָכן ס׳גאַנצע שטעטל ביז צום טאָל און מען הערט נישט און מען זעט נישט — אַזאַ אומגליק, האַ . . .

איר פּנים האָט זיך געמינעט, ווי באַ איינעם, וואָס שלעפּט פֿון דער ברונע אַ שווערן איימער וואַסער און דער שטריק רײַסע זיך אים אָפּ.

דער אַלטער האָט מיט געשטיקן אָטעם אָנגעהויבן קרעכצן.

— יאַ־ווײַ־יאַ־ווײַ־יאַ־ווײַ — נאַ פֿרעג עך דעך, ווי איז מלך, — פֿאַר וואָס גייט ער נישט זען, ווו זיי זענען — האַ ?

ער האָט מיט פּאַטערישער געטרײַשאַפֿט וויטער געויקעט און אַרומגעזוכט די אָפּנקייט פֿונם טאָפּ.

— אַ דונער האָט מעך געטראָפֿן — אַ מלך איז דאָס זאָל עך אים שוין פֿאַרשפּאָרן — גאָטעניו געטרײַער ! — גייען איצט זוכן דעם גולם — צי זאָל עך גיין זוכן די גענדז — אַזאַ „באַרמולע קאָרזש״ דערלעבט נישט אַ היים צוקומען . . . אויף איר פּנים איז איצט געלעגן יענער אויסדרוק, וואָס זאָגט „וואָלט דער נאָר נישט געווען מײַנער . . .״ זי האָט אַ צי געטאָן די צווײ פּאַטשיילע־שפּיצן פֿון אונטער דער גאָמבע מיט אַ רציחה, ווי זי וואָלט איצט אַ ריס געטאָן די פֿליגל פֿון דער גאַנדז. געכאַפּט דאָס פֿאַרזשאַווערטע וואַסער־טעפּל, אָנגעטשערפּעט אַביסל וואַסער, זיך נאָס געמאַכט די הענט און גענומען אַ גראָבן סענקעוואָטן שטעקן, איז זי ווידער אַרויסגעגאַנגען.

דער הימל איז געווען פֿאַרלאָפֿן פֿון כמאַרעס, געשראָקן אַראָפּצוגיסן פֿולע שעפֿער און פֿאַרפֿלייצן דאָס גאַנצע שטעטל. אַ חוץ אַ שוואַרצער קאַץ, וואָס האָט דריבנע געהיפּקעט איבער דער בלאָטע האָט קיינער נישט איבערגעריסן פּראָדלס אָנגעשטרענגטן בליק. זי איז געגאַנגען מיט אויסגעהאָדעוועטער מידער שווערקייט. פּלוצים איז מלך אַפּירגע־קומען פֿון אונטער אַ נידריק שטיבל, געשפּאַנט מיט שווערע טריט, און פֿאַרקאַטשעטע הויזן. פֿון די צעפּליקטע קני האָבן אַרויסגעקוקט פֿאַר־בלויטע ביינערדיקע פֿליישן. זײַן פּנים איז געווען איינגעריסט פֿון שאַזשיקע פֿינגער־שפּיצן. דערזעענדיק קומען פֿון דער ווײַטנס די מאַמע איז ער שטיינגעבליבן און דערפֿילט איר צאָרן.

זיין פולע, רינענדיקע נאָז, בלאַס געשפּיצט, ווי אַ שטימפּיקער פלאַקן, איז אַראָפּגעהאָנגען איבער די פאַרקאַטשעטע סלינענדיקע ליפּן. טעמפּע שווערקייט איז געלעגן אין זיינע פאַרונענע אויגן. איינס איז בלאַס פאַרלאָפן מיט אַ בעלמע, ס׳אַנדערע פאַרשווימען גרוי, ווי אַ אָפּגעשטאָ־בענע סערוויטקע . . . צוליב די אויגן זיינע שטייט ער זיך אויס ביטערע צרות פון די חדר־ייִנגלעך. זיי רייצן זיך מיט אים פרעגן, וועלכעס אויג ס׳איז דעם טאַטענס און וועלכעס דער מאַמעס. איין פּאה האָבן זיי אים גנביש אָפּגעסטריזשעט און די אַנדערע שויבערט זיך אינם ווינט. ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגעסענער סלופּ.

פראַדל האָט איצט געפילט דאָס באַדערפעניש אויסצולאָזן דאָס אָנגעווייטיקטע האַרץ און אָנגעהויבן שעלטן:

— אויף דיר אַכציק שוואַרצע יאָר — ביזט שוין הונגעריק? . . .

מלך האָט אויף אַמאָל דערפילט אין מויל דעם ריח פון אַ שיסל פאַרסטאַיעטע קאַרטאָפלעס, די ברייטע ציין זענען זיך אים צונויפגעפאַלן, ווי זיי וואָלטן זיך איינגעגראָבן אין אַ דאַר רעפּט ברויט. מיט קרומ־פאַרלאָפענע אויגן האָט ער אויסגעמיטן דער מאַמעס בייזן בליק, וואָס איז געוואַקסן, ווי אַ פלאַם אונטערגעבלאָזן פונ׳ם ווינט.

פראַדל האָט אַלץ געשריגן:

— עך וועל דיר געבן וועטשערע צו עסן — אַ גוטע קרענק — ס׳קענדל שטייט טרוקן — און, ווו זענען די גענדז — ווו — אַ בראָך זאָל מיר נאָך דיר געשען — פאָטער אין הימעל . . . און אירע אויגן האָבן זיך געשפּאַנט רויטע אָדערלעך פאַרלאָפענע פון בייזן צער.

— גיי שוין, זע, ווי זיי זענען, הערסט — ווייל עך וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן — זאָלסט נישט אַהיים קומען אָן די גענדז, הערסט . . .

זי האָט אים אַ וואָרפגעטאָן דעם שטעקן. מלך האָט געקוקט מיט פאַרגליווערטן בליק און געמורמעלט צווישן די ציין:

— נאַ, גוט און טשוין, — ווו זאָל עך גיין — ווו? . . .

מיטן שטעקן אין האַנט, באַגלייט פון נאַכטלעכער סמוטנעקייט, איז מלך אַוועקגעגאַנגען צווישן די ענגע ליקלען. אויף די אָפּגעריסענע ריוועס האָט שוין דאָ און דאָרט געברענט אַ פאַריסטער לאָמטערן און

געוואָרפן אַ בלאַסלעכן שיין אין דער אַראָפּהענגעדיקער טונקלקייט. איבערן וועג האָבן זיך געשלעפּט פויערישע פירלעך און צוריקגעלאָזן אַ שכור געזאַנג.

אַקעגן איבער דער שטאָטישער קרעטשמע האָט זיך געזען אַ גרויסע חורבה אויף האַלב פאַרברענטע סלופּעס. מלך איז אַהין אַריינגעגאַנגען, אַרומגעזוכט מיטן שטעקן צווישן פינסטערע לעכער, ס׳האָט מיט אים פּלוצים אַ וואָרפגעטאָן. פון צווישן דער חורבה־פּוסטקייט האָבן זיך געהערט אָפּגעהאַקטע און האַלב פאַרשלונגענע ווערטער:

— אַ נאָק־עטער־וועל עד זיי אַלע—אויס—קוילן—אַז ניש ז־ז־אַל מעך דער שלאָק טרע־פּן־דאָ אויפן אַר־ט — אים, יאָסיען, — טאָקן די „באָרדע” אויספּליקן ריי־ן — אַזאַ נאַרישער ייד — מיר וויל ער נישט — פאַר־קויפן בראַ־נפן — אים וועט דער שלאָק טרע־פּן — דאָ אין דער „מכיניע” . . .

פון אַן איינגעבראָכן ווינקל איז אַרויסגעקראָכן אַ פאַרשיכורטער שייגעץ, מיט אַ פאַרשימרט פּנים, ווי אַ בלאָטיקע גרודע, ווי אַן אויס־געשפּיגן ערגעץ פון אַ שוימיקן קאַנאַל. די אויגן — שווער פאַרגאָסענע, שטאַר, און גלאַנצנדיקע ווי הארט גלאָז. דערזעענדיק מלך׳ן איז דעם שכור פול געוואָרן דער גאָרגל, דאָס קול זידנדיק, פאַרשווימען מיט געדעכטער פּינע:

— קים אַהער ייד־עך על דעך דע־ר־האַר־געגען־טאַקע־זאַ־ר־עס — ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט הוידנדיקן גוף. די פּיס זענען אים קערצער געוואָרן. ער האָט זיך אַראָפּגעקוילערט, ווי אַ פול פאַס ביז אין ריוו אַריין.

מלך איז אַ דערשראָקענער אָפּגעשפּרונגען און פּלוצים מיט ענגען אָטעם שטיין געבליבן באַ דער וואַנט פון די שטאָטישע געוועלבן. פון זיינע הויזן האָט אַ רין געטאָן אַ וואַרימע ריטשקע . . . ער האָט זיך דערפילט באַפרייט פון שרעק.

די נאַכט איז אַראָפּגעפאַלן אויף שוואַרצע פליגל, געצאַפּלט אינם ווינט און מלך׳ן פאַרקערעוועט אַהיים.

פאַר די אויגן איז אים געוואַקסן דער מאַמעס מויל, ווי אַ פלאַקער־דיקער אויוון.

פראַדל איז געשטאַנען אויף דער שוועל מיט אַ צעבראָכענעם לאָמ־טערן אין האַנט, געשראָקן זיך פאַר דער נאַכט, ווי פאַר אַן אַנגערייצטער חיה. דערזען מלכן קומען, האָט זי אַ שווערן זיפץ געטאָן און געפרעגט מיט געבראָכענעם קול:

— נאָ — נישט געפונען? ...

מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ צו פינסטערער ערד, האָט מלך אַרויסגעשעפּשעט:

— ש־טאָ ...

פאַרשלאָפן דאָס לעבן

פֿאַרשלאָפֿן דאָס לעבן

קיינער איז נישט געשטאַנען ביים קראַנקן בעט פֿון דער אַלטער אסתּר רחל, ווען דער לעצטער גוס׳ס בליק, האָט אנגעהויבן ציטערן אין אירע אויסגעקרענקטע אויגן. אין יענער רגע האָט די אַלטע אסתּר רחל אויסגעשטרעקט איר קווארע האַנט און געשטאַמעלט: א—שר — אַש—ר, דערנאָך האָט זי זיך נאָך לאַנג געראַנגלט מיטן טויט, אים געוואָלט בייקומען, אָבער אויף איר בלאַסן, איינגעשרומפּענעם שטערן, איז אַרויסגעטרעטן אַ קאַלטער שווייס . . .

דער אַלטער אשר, האָט נישט געהערט ווען די יידענע, דאָס ווייב זיינס, האָט אים גערופֿן.

שוין עטליכע חדשים, אַז די אַלטע אסתּר רחל האָט געקרענקט, און אָשר האָט זי באַדינט, איר צוגעטראָגן אַלעס צום בעט, — און גראָד אין דער נאַכט ווען איר אַ שלאָפֿקייט האָט זיך אַזוי ביטער פֿאַרשטאַרקט, איז ער אַ פֿארמאטערטער איינגעשלאָפֿן אַ הארטן שלאָף . . . און האָט פֿאַרשלאָפֿן.

אַנטקעגן איבער אסתּר רחל׳ס בעט, אויף דער הוילער באַנק, נאָענט צום אויוון איז ער געלעגן דער אַלטער אָשר, ווי אַ בער צונויפגעצויגן און האָט שווער געכראָפּעט. אים האָט זיך גע׳חלומט, אַז ער טראָגט אויף די אַקסלען צוויי פֿולע עמער מיט וואַסער, ערגעץ בלאָנדזשעט ער מיט זיי אין עק וועלט, אַ ווינט קלאַפּט אים אין רוקן, טרייבט אים און וואַרפֿט מיט די קאַנען, און אט איז פּלוצים איינע אַראָפּגעפֿאַלן, און זיך צעבראָכן מיט אַ גרויסן רעש . . . אָשר האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט די פֿאַרזאָטענע אויגן צום בעט, וואו אסתּר רחל איז געלעגן און זיך דערמאַנט, אַז ער דאַרף איר דערלאַנגען דעם לעפֿל רעצעפּט, וואָס דער דאָקטער האָט דער קראַנקער געהייסן נעמען אַלע שעה.

אין שטוב איז געווען זער שטיל. אַ קליין לעמפל מיט אַ צע־בראָכן גלעזל, פארקלעבט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר האָט געברענט אין אַ ווינקל און געוואָרפן אַ שוואַכן שיין אויף די שייבלעך פון די פענצטער, וועלכע זענען געווען איינגעטונקן אין פינסטערניש, ווי אין אַ געדעכטער סמאָלע.

„אַזוי צו פאַרשלאָפן"! האָט דער אַלטער אָשר געקרעכצט, און מיט אַ שווערן אָטעם גערופן „אסתר רחל"! „אסתר רחל"! „אָט גיי איך דיר דערלאַנגען אַ לעפל" . . . ער איז אַראָפּגעקראָכן פון דער באַנק. איינגעהילט אין אַן אַלטן צעריסענעם כאלאט, האָט ער אויסגעזען, ווי אַן אָפּגעריסן בערגל האַרטע ערד, ער האָט זיך אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל זיך צוגעשלעפּט מיט די צעדרייטע, קרומע שטיוול צום פענצטער, אַ וויש געטאָן מיט די פינגער, כדי יוצא צו זיין פאַר דעם געבאָט פון הענט וואַשן איבער דער פאַרלעפּענער שויב, אויף וועלכער ס'זענען געבליבן פונסטערע צייכענס, ווי צעקרומטע גראַטעס, און דערביי עפּעס געמור־מעלט מיט די ליפּן.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום טישל, גענומען אַ לעפל רעצעפּט און אויסגעצויגן די האַנט צום בעט:

— „אסתר רחל"! „אסתר רחל"! . . .

אסתר רחל איז געלעגן אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, און האָט שוין געהאַט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם . . .

דעם אַלטן אָשר איז דורכגעלאָפן אַ קעלט דורך די ביינער, ער האָט זיך צעוויינט, ווי אַן אָפּגענאַרט קינד. און וואָס קלאָרער דאָס גע־שעעניש איז אים געוואָרן, אַלץ מער איז זיין געוויין איבערגעגאַנגען אין אַ מין אומגעלומפּערטן, משוגה'דיקן קרייען, וואָס האָט זיך אומ־היימלעך געצאַפּלט אין דער מורא'דיקער שטילקייט פון נאַכט . . .

פראָדוקטיוויזאַציע

פראָדוקטיוויזאַציע *)

שוין אַ לענגערע צייט, אַז אין דער קליינער, ענגער וווינונג אויפן צווייטן שטאָק, איז נישט פריילעך...

די צוויי פייכטע, נידריקע שטיבלעך, ווערען ביינאַכט נאָך באַלויכטן פון גאַז. יעדעס, האָט בלויז איין פענצטער, וואָס שטעקט, ווי אַ גלעזערן אויג אינ׳ם שמאָלן, פינסטערן געסל, אין דער געגענד פון וויטשעפל, די דירה געפינט זיך אין איינעם פון יענע „ליעס״ **) — הייזער, וועלכע געהערן צו שפעקולאַנטן, וואָס פאַרדינגען וווינונגען פאַר אַ וועכנטלעכן אָבצאָל.

סעם שטריקער, אַ ייד אַ בעל־מלאכה, וווינט אויפן צווייטן שטאָק קנאַפע צוואַנציק יאָר, און האָט ביז היינט נישט פאַרפעלט קיין איין וואָך צו צאָלן דירה געלד.

אַרויסגעקומען איז אים דערפון, אָט וואָס — דער באַלעבאָס האָט אים נישט איינמאָל געזאָגט:

„מיסטער שטריקער איר זענט אַן אנשטענדיקער מענטש״!

שכיינעם און גוטע פריינט האָבן געקוקט אויף מיסטער שטריקער, ווי אויף אַ גליקלעכן טאַטן. זיין זון האָט געוווינען אַ „סקאָלאַרשיפ״ ***).

אָבער טאַקי דערפאַר ווייל זיין זון האָט געוואָלט אויסשטודירן אויף דאָקטאָר, איז נישט פריילעך אין דער היים.

לויט דעם געזעץ פון „צופּאַסונגס קאָליר״, האָט סעם שטריקער

---

*) דערשינען אויף ענגליש אין דער נאָוועמבער אויסגאַבע פון דער "Left Review" אין לאָנדאָן.

**) לאַנג יאָריגע ארענדע.

***) אַ פרעמיע אין שולע.

געהאַט אין זיך איינגעזאַפּט די האַרטע, קאַלטקייט פון דער גראָער געגענד, און האָט אויסערלעך אויסגעזען אַ גאַנצער וואָך פאַרשוואַרצט און פול מיט שטויב.

אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט קוים פאַרדינט צו דערהאַלטן דאָס ווייב מיט די קינדער, צווישן וועלכע איבי, דער זעכצן־יאָריקער, איז דער עלטסטער, האָט ער פון זיין אַרבעט אָפּגעשפּאָרט אַ סאַך זשאַווער, וואָס האָט זיך אים איינגעגעסן אינ׳ם לענגלעכן פּנים, מיט דער גראָבער, האַרטער נאָז.

סעם אַרבעט פאַר זיך אַליין, און פאַרשוועגנד קיינמאָל נישט קיין צייט. ער אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, אַ חוץ מאָנטאָג.

מאָנטאָג איז פאַר אים דער ערגסטער טאָג אין דער וואָך.

אין דעם טאָג האָט ער צו צאָלן דירה געלד, אי פאַרן וואַרשטאַט, אי פאַר דער וווינונג.ביידע דירה געלדער צאָלט ער צו איין באַלעבאָס. און ווייל סעם שטריקער איז אַן „אנשטענדיקער מענטש", וואַרט ער נישט מען זאָל קומען אים מאָנען, נאָר ער טראָגט אַליין אָב דאָס געלד צום באַלעבאָס — אַ נידריקער ייִד, וועלכער איז ענלעך צו אַ קאַסע־קאַסטן, ברייט, רייך, און שטענדיק פאַרשלאָסן אין זיך.

מאָנטאָג אָוונט, שטופּט זיך סעם שטריקער אַריין אין אַ קליין געוועלבל, אָנגעפּיקעוועט מיט גאָלד, זילבער, און בריליאַנטן. דאָס געוועלב געהערט צו אַ זון פון זיין באַלעבאָס, וועמען ער דאַרף צאָלן דאָס דירה געלד. סעם שטריקער דערלאַנגט דעם ייִדן דאָס רענט־ביכל, מיטן געלד — דער ייִד שרייבט זיך אונטער מיט אַן אונטערשריפט פון צודרייטע, קרומע שטרעכעלעך, וואָס ער לייגט אַוועק מיט אַן אַלטער שווערער, ציטערדיקער האַנט, און טוט דערביי, ווי שטענדיק דעם זעלבן פּונקט מיט דער רעכטער וויע פון אַ פאַרקוועטשט, פייכט, פאַרוואַקסן אויג. ווען ער גיט אים צוריק דאָס רענט־ביכל, לאָזט ער פון זיך אַרויס אַ כיטרע מינע, וואָס קומט אים אויפן חשבון פון יענעם געדאַנק, וועלכן ער קען נישט פאַרגעסן: „איך בין אַ מבין אויף אַ גוטן קאַמאַרניק". און ער פרעגט:

„וואָס מאַכט עפּעס אייער איבי, מיסטער שטריקער?" ער ווייסט, אַז סעם האָט שטאַרק ליב מען זאָל אים פרעגן אויף זיין איבין. סעם

הויבט באַלד אָן דערציילן וואָס פאַר אַ גוטן קאָפּ איבי האָט, און ווי שטאַרק מען לויבט אים אין שולע...

דעם מאָנטאָג אָוונט איז סעם שטריקער געקומען מיט אַ ווייכן בליק אין די אויגען, קענטיק, אַז ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן חשק צו רעדן מיט זיין באַלעבאָס. ער האָט אים געוואָלט פרעגן, וואָס צו טאָן מיט איבין...

דער בליק אין זיינע אויגן, ווי אַ שטומער פרעג־צייכן, ווערט אָבער באַזונדער שטאַרק אומרואיק, ווען ער קומט אַריין צו מיסטער גראַדל אין רעסטאָראַנט אַריין.

מיסטער גראַדל, איז אַ ייד אַ פּאָליטיקער, וואָס ווייסט אַלע נייעס, באַזונדער ווייסט ער אַ סך וועגן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס מאַכט אומגליקלעך די מענטשן, ער ווייסט געני וויפיל יידן מ׳האָט פאַרטריבן פון דייטשלאַנד, און אויף וואָס פאַר אַ גרויסע צרות ס׳זיינען היינט די געלערנטע לייט, באַזונדערס דאָקטוירים אין פאַרשידענע לענדער. „מיר טאָרן היינט נישט לאָזן אונזערע קינדער שטודירן״, זאָגט ער. „זיי פּלאָגן זיך, און זיי מוטשען זיך צום טויט, איידער זיי לערנען אויס: און דערנאָך זיינען זיי איבריק, ווי אין דייטשלאַנד. יידן מוזן זיך פּראָדוקטיוויזירן, ווערן בעלי־מלכות און אַרבעטער אויפן לאַנד״.

ווען סעם האָט געהערט אַזעלכע רייד איז אַלעס אין זיין שווערן קאָפּ געוואָרן וואַך, אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עפּעס דריקט אים דעם קאָפּ דורכצושטופּן דורך אַ שמאָלער עפענונג. זיין האַרטער, טונקעלער שטערן האָט זיך ווי געזעצט, קענטיק, אַז אים איז צו שווער געווען צו דערטראָגן דעם פּלאָנטער פון אומפאַרשטענדלעכע געדאַנקען; צום ווייב האָט ער געזאָגט:

„ איך האָב שטענדיק געמיינט, אַז די וועלט דאַרף האָבן גרויסע מענטשן, געלערנטע מענטשן... און מיר איז אויסגעקומען צו ליידן דערפאַר, ווייל איך בין אַ גראָבער יינג״, דערביי פלעג ער אַ קוק טאָן אויף איבי׳ן, און האָט געטראַכט: די וועלט פאַרט מיט׳ן דישל אויף צוריק...

ער האָט געוווסט, אַז די שכנים, גוטע פריינט, און באַקאַנטע פונ׳ם געסל, זיינען אים שוין נישט מער מקנא, וואָס איבי האָט געוווּנען

„סקאָלאַרשיפּ", לערנט גוט, און וויל ווערן אַ דאָקטאָר. אַז ער האָט זיך צושמועסט מיט די שכנים, וועלכע האָבן געהאַלטן זייערע זון ביי זיך אין די „ביזנעס" *) און געהערט פון זיי, וואָס פאַר אַ גוטע שטיצע די קינדער זיינען, האָט זיך אים פאַר די אויגן געשטעלט דאָס אַלטע פאַרקוועטשטע פּנים פון זיין באַלעבאָס וועמען ער צאָלט דירה געלד, יענעמס ווערטער זיינען פאַר אים אין געדאַנק וואָך געוואָרן: „אוודאי איז גלייכער איר זאָלט אייער אייבי'ן אריינגעמען צו זיך אין וואַרשטאַט אַריין, די צייט האָט זיך געביטן, איר פאַרשטייט מיסטער שטריקער. איך האָב געליינט אין די צייטונגען, אַז מיר יידן האָבן טאַקע צופיל אויסשטודירטע קינדער. היטלער און מויזלי, זיינען נישט אימגאַנצן אומגערעכט, מיט זייער געשריי. מיר זיינען זיך אליין שולדיק. מיר שטופּן זיך דער וועלט צופיל אין די אויגן אַריין. יידן דאַרפן ווערן אַרבעטער. איר האָט דאָך געהערט, וואָס פאַר אַ צרות ס'שטיין זיך אויס די געלערנטע, און דאָקטוירים היינט צוטאָג"...

די רייד, האָבן לעצטנס נישט אויפגעהערט קלינגען סעמ'ן אין די אויערן. אין דער היים איז ער אַרומגעגאַנגען אין די ענגע, שמאָלע שטיבלעך אַ אומרואיקער, אַ צערודערטער, האָט ער געפּלאָנטערט מיט דער צונג, און דעם וויב האָט ער געהאַלטן אין איין דערציילן וואָס פאַר אַן עצה דער באַלעבאָס האָט אים געגעבן... און ווייל זי האָט נישט געוואָלט אויסהערן, וואָס ער האָט געבעבעט, איז ער געוואָרן נאָך מער אומרואיק...

ביי דער אַרבעט ווו ער איז געשטאַנען אין זיין פינסטערן, קליינעם, פאַרויכערטן וואַרשטאַט, און פון אין דער פרי, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין נישט געזשאַלעוועט זיינע פאַרשוואַרצטע, פאַרהאַרוועטע הענט, מיט וועלכע ער האָט געבויגען בלעך, קופּער, און מעש, האָט ער זיך דערטראַכט צו דעם פּלאַן; ער וועט אייבי'ן אַריינגעמען אין וואַרשטאַט אַריין, זאָל ער ווערן אַן אַרבעטער, און נישט קיין דאָקטאָר, יידן דאַרפן זיך פּראָדוקטיוויזירן... אים איז אָבער דאָס טראַכטן זייער שווער אָנגעקומען. אויף זיין פאַריזטן פּנים, ענלעך צו אַ שווערן, שוואַרצן, הייסן טאָפּ, איז דער שוויס געראָנען אין גרויסע טראָפּנס...

*) געשעפטן.

אָבער כאָטשע דעם באַלעבאָס עצה, האָט אים געגאָגט אונטערן האַרצן, און כאָטשע ער האָט נישט גערעכנט צו פאָלגן דאָס ווייב, האָט ער זיך דאָך נישט געקענט אָנטשליסן אַ זאָג צו טאָן: „אייבי הער אויף צו לערנען. ס׳איז נישט קיין תכלית״, אַלעמאָל זיינען אים דעם ווייב׳ס טענות צוריקגעקומען אין געדאַנק: „און אַז דו ביזט אַן אַרבעטער סעם, איז דיר גוט???״

אינ׳ם שמאָלן קאָרידאָר, אַ שטאָק טיף אין דער ערד, איז די היץ געווען געדעכט, און גוט צום שוויצן. אין באָד אַריין איז מען אַריינגעגאַנגען דורך אַ שווערער, ברוינער, הילצערנער טיר. ווייבער האָבן געקענט קומען אַהער שוויצן, נאָר איינמאָל אַ וואָך, דינסטאָג נאָך מיטאָג. די ווייבער זיינען געקומען פון די אונטערגעסלעך אין ווייטשעפּל, און האָבן געקענט איינע די אַנדערע. זיי זיינען איצט געזעסן אין באָד אויף די בענק, אונטער דער הייסער פּאַרע צונויפגעדריקט אינאיינעם, זייערע גרויסע, נאַקעטע, הארבאַטע פלייצעס, האָבן אויסגעזען, ווי איין ריזיק שטיק רויט, פאַרשמאָלצן נאַס פלייש, וואָס האָט זיך געפּאַרעט, און געשוויצט. פון אונטער זייערע צעוואַרימטע פאַכוועס האָבן זיך געשלעפּט, אויסגעצויגענע, גליטשיקע ברוסטן, און זיך פאַרהאַלטן אין די נאַסע, אַרויסגעסטאַרטשעטע בייכער. צווישן די פעטע, אַנגעשוואָלענע פיס זיינען געשטאַנען שעפעלעך מיט הייס וואַסער. די ווייבער האָבן זיך געקראַצט די אַנגעברייטע הויטן, געריבן די פליישן מיט די שווערע, אַנגעבלאָזענע הענט... זיי האָבן גערעדט אַלע אינאיינעם, האָבן געשריגען, געהוסט, און זיך געשטיקט מיט פּאַרע... העכער פון אַלע האָט געשריגן סעם שטריקערס ווייב. אַ נאַקעטע, נאָר מיט אַ נאַסער שמאַטע אַרום קאָפּ, האָט זי זיך אַרומגעדרייט, און געשאָלטן: „זאָל ער ברעכן דעם קאָפּ, זיינע זון האָט ער געמאַכט פאַר גאָלד־הענדלער, און פאַר דאָקטוירים; און מיין מאַן האָט ער געראָטן צו מאַכן פון מיין אייבי׳ן אַן אַרבעטער״.

אין אירע אַנגעלאָפענע, הייסע קנייטשלעך אויף דעם אַנגעברייטן, רויט אַנגעשטרענגטן פּנים, איז געלעגען דער אויסדרוק פון פאַרביטערטקייט, וואָס זי האָט געפילט צום באַלעבאָס, מיט וועמען איר מאַן האָט זיך גע׳עצה׳ט... איין וואָרט האָט געבראַכט אַן אַנדערס. איר אויפרעגונג

איז געוואָרן שטאַרקער. זי האָט געפילט די פאַרביטערטקייט פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט, אַז ער איז גערעכט, און זעט, ווי מען פאַרבלענדעט אים די אויגען, און מען מאַכט אים צום נאַרן, דעמאָלט ווען ער פּרוווט זיך וועהרן. זי האָט אויך דערפילט אַ שטאַרקן פאַרדרוס צום מאַן, וועלכער איז אַזאַ ביטערער עקשן. זי האָט אָנגעשטרענגט די אוירן צו הערן, וואָס די איבעריגע ווייבער זאָגען דערצו. אַלע האָבן זיי אָנגעהויבן שעלטן היטלערן:

— ...„ער זאָל איינגעמען אַ מיתה משונה אין דריי חדשים אַרום, וואָלט געווען ווויל ווי די וועלט. פאַר איין פונט,*) וועל איך קריגען צען". „וואָסזשע איר האָט אויך געשטעלט אַ פונט, אַז היטלער וועט ברעכן דעם קאָפּ?", האָט איבערגעפרעגט סעם שטריקערס ווייב. זי האָט דערפילט אַ נייעם געדאַנק, ער האָט זיך איר צושפּרייט אויפן פּנים, אין דער לענג, און אין דער ברייט. דער אָנבליק אין אירע אויגען האָט זיך, ווי געביטן. „ביי אונז אין גאַס זאָגען צו די בוקיס **) פופציג פונט קעגן איינס, האָט אַ יידינע זיך אַריינגעמישט... סעם שטריקערס ווייב האָט דערפילט, ווי אין איר האָט זיך אויך דערוועקט אַ חשק עפּעס איינצושטעלן, אַז היטלער וועט איינגעמען אַ מיתה משונה. וועגען דעם האָט זי געקלערט צו זאָגען איר מאַן, נאָר פלוצים זיינען איר אויפ'ן געדאַנק געקומען זיינע רייד, וואָס וויקלען זיך אַרום אייבי'ן ווי אַ נעץ. און זי האָט אָנגעהויבן נאָך מער צו שוויצן...

אויף דער נאַכט האָט זי דעם מאַן דערציילט, וואָס זי האָט געהערט אין באָד, און אים געהייסן ער זאָל אויך עפּעס איינשטעלן. אַזוי אַרום האָט זי גערעכנט אים אַרויסצושלאָגן פונ'ם קאָפּ דעם געדאַנק צו מאַכן פון אייבי'ן אַן אַרבעטער...

— ...„מען דאַרף נישט אָפּרייסן דאָס קינד פונ'ם לערנען", האָט זי צו אים געזאָגט. אָבער די ווערטער זיינען גלייך, ווי די איבעריגע רייד אירע געפאַלן אויף טויבע אוירן. סעם איז געווען מיד פון דער אַרבעט, און האָט נישט געוואָלט הערן, וואָס זי רעט צו אים. זי האָט העכער געשריגען, און זיך אַוועקגעדרייט נישט צו הערן די נייעס, וואָס ער האָט געבראַכט

*) ענגלישע וואַליוטע.

**) מענטשן ביי וועמען מען שטעלט איין געלד פאַר אַ וועט.

פון דער גאַס, און פון גראַדל׳ס רעסטאָראַנט. ער האָט איר געוואָלט דערציילן, אַז מיסטער וואַגמאַן, זיינער אַ גוטער פריינד, וועלכער קומט אויך אין רעסטאָראַנט אַריין, ווייסט, וואָס ס׳קומט איצט פאָר אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט. — „די ווייבער אין באָד ווייסן נישט, וואָס זיי רעדן. איך האָב דיך פון לאַנג באַדאַרפט מיטנעמען אין רעסטאָראַנט אַריין זאָלסט הערן, וואָס מענטשן זאָגן״, האָט ער ווייטער אַנגעשטרענגט זיין צונג...

שבת איז סעם שטריקער אַ פרייער מענטש. אויסגעפוצט אין זיין בעסטן אַנטועכץ, מיט אַ קייט אין דער מיטן פון דער וועסט, און דאָס ווייב ביי דער זייט, איז ער געגאַנגען צו מיסטער גראַדל...

די גאַסן און געסלעך פון ווייטשעפל האָבן זיך אין נעפל פונדער־ווייטנס געצייכנט, ווי אַ קייט פון גרעסערע, און קליינערע, נאַסע, פאַר־שוואַרצטע, און אָפּגעריסענע בערג. אין זיי איז געוועזן, יענע פוסטע, אויפגעראַמטע, און נודנע שטילקייט, וואָס די יידישע בירגער ווייזן אַרויס אים שבת ווען ס׳הערט אויף זייער האַנדל און וואַנדל. די גראָבע מיידן, וואָס מען זעט זיי דאָרט אַ גאַנצע וואָך אויף די טירן פון די קראָמען, רופן קונים, זיינען איצט געשטאַנען אין די ווינקלען, נעבן פייכטע, פאַר־שוואַרצטע ווענט, און האָבן זיך צוגעהערט צו די דרשות פון די מיסיאָנערן.

אין איינעם פון די געסלעך האָט אין פראָנט פון אַ מויער זיך געשוואַרצט אַן אָפּגעשלאָגענע שילד מיט אַ צוקריצטער אויפשריפט: מ. גראַדל׳ס רעסטאָראַנט. אונטער אַ גרויסער שויב, מיט אַ צושמירטן מגן דוד אין דערמיט איז געלעגן אַ האַרט שטיק בלוי פאַרקאָכט פלייש. מיסטער גראַדל האַלט זיך פאַר אַ גרויסן אויפטוער דערמיט וואָס ער שטעלט אַרויס אַזאַ שטיק פלייש אין פענצטער, פונקט אַזוי האַלט ער פאַר אַן אויפטו נישט צו לאָזן אים שבת שפילן דעם ראַדיאָ, כאָטשע ער איז נישט פרום... אַזאַ ביסן ציט גיכער צו אַ קונה איידער אַ שטיק פיש געפּרעגעלט אין אויל, אָדער אַ פיידע זיסער קוכן, מיט אַ סאָך ראָזשינקעס, וואָס די אַנדערע רעסטאָראַטערס שטעלן אַרויס אין זייערע פענצטער...

מיט אַ ווייך, קרענקלעך פנים האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין זיין רעסטאָראַן, און שטענדיק געהאַלטן גרייט אַ גוטברידערישן שמייכל אין

די גרינגע אויגן. ער האָט זיך אַלעמאָל צוגעזעצט צו אַן אַנדער טישל, און נישט נאָר האָט ער אַ סך גערעדט, און זיך געשפּאַרט מיט די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די „דאָקס", *) ביי שניידעריי, ביי דער פּרעס, אָדער ביי סטאָליעריי, נאָר ער האָט גערעדט און זיך געשפּאַרט אויך מיט, יענע יידן, אָפּגעשטאַנענע, און פאַרגרעבטע, וועלכע זיינען פאַרבליבן אַלטע בחורים, פירן נישט קיין היימען, און ליגען איבער אין די קרעטש־מעלעך, אין די אונטערגעסלעך פון ווייטשעפּל.

גראַד היינטיגען טאָג האָט ער דערציילט ווי אַזוי וואָגמאַן, ווען די יידן פון רעסטאָראַנט האָבן געהאַלטן פאַר אַ באָלשעוויק, האָט זיך מיט זיינע חברים אַריינגעריסן אין דער „אָלימפּיאַ" **) אין דער צייט פון דער ערשטער גרויסער פאַשיסטישער פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן. מיט אַ שמייכל צו וואָגמאַנען, וועלכער איז געזעסן ביי אַ טישל אין אַ ווינקל, האָט מיסטער גראַדל מיט אַן אָנגעשטרענגטן קול ווייטער איבערגעגעבן וואָגמאַנס געוואָקטקייט, ווי אַזוי ער האָט געשטעלט דעם פאַשיסטישן פירער מויזלי אַזעלכע פראַגען, אַז זיינע אָנהענגער אין די שוואַרצע העמדלעך האָבן שיער נישט באַקומען דעם שלאַק, פאַר גרויס אויפ־רעגונג האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אים, ווי דיווילדע חיות. „זיי האָבן אָבער אַריינגעכאַפּט די אמת'ע פעטש. וואָגמאַן האָט זיי געהאַקט מיט פאַרביסענע פויסטן, און אפילו נישט געפילט ווי מען האָט פון אים אַראָפּגעריסן די הויזן". מיסטער גראַדל האָט זיך פאַרהיסט...

..."זייער גלייך האָסטו געטון", האָט אַ געשריי געטון מיסטער כהן, אַ ייד מיט אַ פעט־פאַרלאָפענעם האַלז און נאַקן און ברייטע פּלייצעס, ווי ביי אַן אָקס, מיט אַ גרויסן ווייכן בויך.

— „איר זענט נישט גערעכט", האָט זיך אַריינגעמישט מיסטער שפּיגעל, אַ ציוניסט, וועלכער איז געשטאַנען און געגעסן מאַרענירטן הערינג, וואָס מיסעס גראַדל האָט אַליין געמאַכט מיט אַ סך לאָרוועך בלעטער, „יידן דאַרפן זיך נישט מישן אין פּאָליטיק, זיי דאַרפן זיך פּראָדוקטיוויזירן", האָט ער געשריגן, און געדרייד מיט'ן קליינעם קאָפּ אויפן הויכן האַלז...

*) ביים האַפן.

**) באַוואוסטע געביידע אין לאָנדאָן.

די יידן אין רעסטאָראַנט זיינען געווען אויפגעבראַכט, וואָס דער ציוניסט האָט זיי געשראָקן נישט צו מישן זיך אין פּאָליטיק. זיי האָבן אים אויך פיינט געהאַט דערפאַר, וואָס ער אַ ייד אַ קבצן, שטופּט זיך צווישן די ציוניסטן־קריכט אין „גרעיט ראַסל סטריט״,*) און איז אַ גאַנצער מיוחס ביי די רייכע יידן, וועלכע קויפן זיך טיטולן ביים קעניג. און כאָטשע די יידן דאָ אין רעסטאָראַנט האָבן זיך ערשט נישט לאַנג צוריק געהאַט מיט אים געקריגט, ווייל ער האָט זיי געהאַלטן אין איין נודן מיט זיין העברעיש, זיינען זיי אָבער פונדעסטוועגן געווען צופרידן, וואָס מיסטער כהן וועט פון אים איצט אַריינכאַפּן אַ גוטע פּאַרציע. דעם מיסטער כהן קענען זיי נישט ליידן, און ס׳פאַרדריסט זיי וואָס ער האַלט זיך פאַר אַ קאָמוניסט, קלאַפּט שטענדיק וואָגמאַנען חבר׳יש אין דער פּלייצע, און זאָגט אים מיט זיין חנופע שמ׳כעלע „רעד פּראַנט קאָמרייד״ **) זיי האָבן געוווסט, אַז דער מיסטער כהן איז אַ פאַלשער מענטש, און אַ מאַני לענדער ***) אָבער וואָגמאַן איז אַן אייגענער, און זינט ער האָט אין „הייד פּאַרק״ ****) געהאַלטן זיין פייערדיגע רעדע וועגן פאַרייניגטן פראַנט, האָבן די יידן אין רעסטאָראַנט אָנגעהויבן אויף אים קוקן מיט אַ באַזונדערן דרך ארץ.

אין רעסטאָראַנט האָט ווי געווינטלעך געברענט אַ גרויסער עלעק־טרישער לאַמפּ, און אין אַ מאַסיוון, ברייטן, אָפּגעניקעלטן קעסל האָט געזאָטן וואַסער אויף טיי. ביי די פייכטע ווענט, פאַרשוואַרצטע פון שטענדיקן רויך פון טאַבאַק, זענען געשטאַנען קליינע טישלעך, איבער זיי האָט זיך געטראָגן דאָס קלאַפּן פון ביינערנע דאָמינאָ שטיינער, אַנאַרכיסטן, בונדיסטן, קאָמוניסטן, אַלע זיינען זיי געזעסן אין צודרייטע קאַשקעטן, מיט שווערע, פאַרהאָרוועטע פּענימער, פעסטע, אַנגעשטרענג־טע, בלויליך, רויטע נעזער, האַרטע, אָנגעשטעלטע, נישט געגולטע גאַמבעס, מיט שאַרף שטעכערדיקע הערלעך, און האָבן געשפּילט.

פּלוצים האָט זיך מיסטער גראַדל אַ לאָז געטאָן מיט זיין גוט ברודערישן שמייכל צו דער טיר: — „העלאָ סעם״, ער האָט גלייך

*) די גאַס אין לאָנדאָן וווּ ס׳געפינט זיך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

**) רויטער פראַנט קאַמעראַד.

***) פּראָצענטניק.

****) באַרימטער פּאַרק אין לאָנדאָן.

פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז נישט גלאַט, וואָס סעם איז געקומען מיטן ווייב. „העלאָ”! האָט סעם געענטפערט און אַ וואָרף געטאָן זיין טעמפּן בליק. ער האָט זיך מיטן ווייב צוגעזעצט צו וואַגמאַנס טישל, און האָט אויסגעשטרעקט זיין ברייטע, שווער פאַרהאָרוועטע האַנט: „האו דו יו דו”. *)

אין וואַגמאַנס אויגען האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. סעם האָט זיך דערפילט אומבאַהאָלפן, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. אָט איז וואַגמאַן, אויך אַן אַרבעטער און ער פאַרשטייט אַזוי פיל; און ער סעם קען זיך קיין עצה נישט געבן. זיין ווייב האָט אַראָפּגעלאָזט אַ פּריקרע בליק, קענטיק אַז איר האָט באַנק געטאָן אויפ׳ן גאַנג.

מיסטער גראַדל האָט צום טיש צוגעבראַכט צוויי טעפּלעך הייסע טיי, און אַ פּאָר שטיקער זיסן קוכן מיט ראָזשינקעס. ער האָט שווער געעטעמט, געצויגן מיט די קרענקלעכע הויטן פון די באַקן, און אויף זיין שטייגער אָנגעהויבן רעדן:

— „האָסטו שוין געהערט סעם וואָס פאַר אַ שפּיצל וואַגמאַן האָט אָפּגעטון דער פּאָליציי? דערצייל אים וואַגמאַן, נו... סעם איז געווען צופרידן וואָס וואַגמאַן וועט אָנהויבן רעדן. זיין ווייב וועט איצט הערן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווערט צו הערן...

וואַגמאַן האָט זער גערן דערציילט וועגן זיינע אויפטועכצער.

— „איך האָב ביי דער פאַשיסטישער פאַרזאַמלונג אין דער „אַלבערט האָל” **) באַדאַרפט צוטיילן פּראָקלאַמאַציעס צו די אַרבעטער, רופן זיי צו פאַרייניקגען זיך אינאיינעם, און קעמפן געגען פאַשיזם, און קאַפּיטאַליזם. אָבער די פּאָליציי האָט געשטערט, נישט געלאָזט. איך בין אַרויף אויף אַ אויטאָ־באָס, וואָס איז פאַרביי געלאָפן ביי׳ם „אַלבערט האָל”, און דורכן פענצטער האָב איך אַרויסגעוואָרפן די פּראָקלאַמאַציעס, און געשריגען: „יונייטעד פראָנט ***) „פייט פעשיזם, ענד קעפּיטאַליזם! ****)

ביי וואַגמאַן האָבן די אויגען זיך אָנגעצונדן, באַגלייך ער האָט דאָס אַלעס איצט נאָך אַמאָל איבערגעלעבט.

*) וואָס מאַכט איר עפּעס.
**) גרעסטער קאָנצערט זאַל אין לאָנדאָן.
***) פאַרייניגטער פראָנט.
****) קעמפט געגען פאַשיזם און קאַפּיטאַליזם.

אָבער נישט וועגען די פאַשיסטן האָט אים איצט סעם געוואָלט הערן רעדן. גאָר עפּעס אַנדערש האָט ער אין זינען געהאַט.

ער האָט געוואָלט, אַז וואַגמאַן זאָל דערקלערן זיין ווייב, ווי מיר האַלטן היינט אין דער וועלט, זאָל זי זען, אַז ער סעם איז גערעכט, און דער ספק, וואָס האָט געלעבט טיף אין זיין אונטערבאַוווסטזיין, האָט אין אים איצט געוועקט אַ ווילן זיך אַליין אויך צו איבערצייגען. ער האָט געוואָלט הערן פון וואַגמאַנען, וועלכער ווייסט וואָס אומעטום טוט זיך, איבערהויפּט אין היינטיגען דייטשלאַנד, וואָס ער וועט זאָגען צו דעם פּלאַן, אַריינצונעמען אייבין צו זיך אין וואַרשטאַט, און אים פּראָדוקטיוויזירן; ווייל ער סעם האָט מורא, צו לאָזן דעם זון ווייטער שטודירן, טאָמער וועט ער שפּעטער זיין אויף גרויסע צרות. מענטשן זאָגן, אַז היינט מוז מען די קינדער פּראָדוקטיוויזירן, אָבער זיין אייגען ווייב, וויל פון דעם גאָרנישט וויסן, זי וויל נישט אָפּרייסן דאָס קינד פונ׳ם לערנען. אָבער, וואָס ווייסט זי, די נאַרישע יידינע, וועלכע הויבט נישט אָן צו פאַרשטייען די צייט אין וועלכער מען לעבט? וואַגמאַנען אין די אויגען האָט ער געוואָלט אין זיך דערשטיקן יעדע פרייד, וואָס ער האָט, ווען ער רעדט פון אייבין.

ער האָט זיך געפילט שווער און אומבאַהאָלפן אין זיינע רייד. עפּעס, ווי שטייף איז אים געווען די צונג אין מויל. צווישן די יידן ביי די טישלעך האָט זיך אָנגעהויבן פונסניי אַ שמועס וועגען דער לאַגע אין דער וועלט, אין די קלאַנגען האָבן זיך באַוויזן שטעט און לענדער...

—„איר פרעגט שוין ווידער וואָס ס׳הערט זיך איצט אין דייטשלאַנד? איר הערט מיסטער שטריקער״! האָט וואַגמאַנס קול זיך געשניטן, ווי אַ דימענט איבער גלאָז. „אַזוי שלעכט ווי ס׳איז אין היינטיגען דייטש־לאַנד, קען שפּעטער זיין אין ענגלאַנד, און אויך אין אַנדערע לענדער, אויב מיר וועלן נישט באַקעמפן די קאַפּיטאַליסטן קען אַלעס געמאַלט זיין.

— „שוין ווידער פּאָליטיק?״ האָט זיך אַריינגעמישט מיסטער שפּיגעל דער ציוניסט, מיט דער בעלמע אויפן אויג, און מיט אַלע כחות גערייד מיט׳ן קליינעם קאָפּ, ווי מיט אַ גרויסן קניפּ. „שאַט אַפּ *) האָט מיסטער

*) האַלט ס׳מויל.

גראַדל זיך גוט־ברודעריש אַריינגעמישט, „וואַגמאַן ווייסט וואָס ער רעדט, נעווער מיינד פּאָליטיקס״ *).

— „פאַרוואָס האָט מען עפּעס פאַרטריבן די געלערנטע פון דייטש־לאַנד ?״ האָט פּלוצים געפרעגט סעמס ווייב.

— „מיט ווייבער האָב איך ליב צו דיסקוטירן״ האָט איר וואַגמאַן גע־ענטפערט. „דאָס איז דערפאַר, ווייל אַ קאַפּיטאַליסטישע מלוכה שטרעבט נישט, און קען נישט אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן וואָס די געלערנטע קע־נען ברענגען פאַר די אַרבעטער. פאַר זייערטוועגן האָבן זיי גענוג, זיי נוצן אויס אַזעלכע, וואָס קענען מאַכן אַ סך גאַז־באָמבעס, און אַנדערע גיפטן מיט זיי אויסצוהאַרגענען די מענטשן אין מלחמות כדי ביי דעם געשעפט צו פאַרדינען אַ סך געלד, — געלערנטע וואָס קענען נישט מאַכן די אַלע מיטלען, וואָס זיינען נויטיק אין מלחמות, דאַרפן זיי נישט, און מ׳לאָזט זיי אַרומגען אַרבעטס־לאָז״.

—„נישט דאָס מיין איך״, איז סעם שטריקער אַריינגעפאַלן אין די רייד אַריין, און דעם ווייב צוגעוואָרפן אַ פאַרדריסלעכן בליק, קענטיק, אַז ער האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, וואָס מען האָט גערעדט, „איך וויל אייך פרעגן וועגן פּראָדוקטיוויזאַציע, וואַגמאַן, זאָל איך מיין אייבין מאַכן פאַר אַן אַרבעטער, אָדער זאָל איך אים לאָזן לערנען אויף דאָקטאָר ? — איר ווייסט דאָך ער האָט געוווּנען אַ סקאָלאַרשיפּ״. און די פאַרבאַרגענע פרייד, וואָס ער האָט, ווען ער רעדט פון אייבין, איז אים ווידער געקומען אין די אויגען אַריין.

וואַגמאַן איז געוואָרן זייער אומרואיק. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט, און שטאַרק באַוויגען מיט די גראָבע פינגער, צווישן וועלכע ער האָט געהאַלטן אַ פּיצל ברויט און עס געקנעטן. ער האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ גראָב געלעכטער, און דאָס פּנים איז אים געוואָרן בלוטיק, רויט פאַרגאָסן. „איר האָט מורא, טאָמער וועט אייער זון אויסשטודירן אויף דאָקטאָר, וועט ער נישט קענען ווינען אין אַזאַ פּאַלאַץ, ווי איר וווינט ? איך האָב אייך שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אַ דאָקטאָר, און אַן אַרבעטער, ביידע קענען ווערן אַרבעטס־לאָז. אין אַ געזעלשאַפט, וווּ ס׳איז פאַרהאַן אַרבעטסלאָזיקייט, קענען זיי ביידע נישט זיין פּראָדוקטיוו.

*) ס׳מאַכט נישט אויס וואָס דאָס איז פּאָליטיק.

א דאָקטאָר און אן ארבעטער זיינען גלייכע מענטשן, אויב זיי זיינען נאָר באוווסט איבער דעם קלאסן־קאמף. לאָזט אייער זון שטודירן. דער ארבעטער קלאס דארף האָבן געלערנטע מענטשן. זאָל ער זיך דערוועגבן אַזוי פיל וויסן וויפיל ער קען נאָר... אַלע ארבעטער דארפן לערנען... אייער זון דאַרף נישט נאָר לערנען אויף דאָקטאָר, נאָר ער דאַרף אויך דערקענען די פּראָלעטאַרישע וויסנשאַפט... איר דאַרפט אַלע לערנען די עקאָנאָמישע געזעצן, וועט איר וויסן פון וואָס אַ מלוכה באַשטייט, און וואָס פאַר אַ שטאַאַט דער אַרבעטער קלאַס דאַרף האָבן... יאָ, א דאָקטאָר און אן ארבעטער זיינען גלייך; ביידע זיינען פּראָלע־טאַריער...

יענעם אָוונט האָט סעם שטריקער שוין מער נישט גערעדט מיט זיין ווייב.

פאַשיסטישע רעקרוטן

פאַשיסטישע רעקרוטן

... „זיי קלוגער פון די אַנדערע מענטשן אויב דו קענסט — זאָג זיי אָבער דאָס נישט“.

דער געדאַנק האָט פונסניי אַרויסגערופן אַ צופרידענעם בליק אין דעם שוסטער ביל סמיט׳ס אויגן, וואָס זענען געווען דורכגענומען מיט דער אָפּגעשטאַנענער גראָעקייט פון די ווענט צווישן וועלכע ער האָט געלעבט. „ס׳איז זייער אַ קלוגער געדאַנק, אפשר דער קלוגסטער, וואָס זיי האָבן ווען׳ס אַרויסגעשטעלט“, האָט ער געטראַכט, וועגען דעם פּסוק פון דער עוואנגעליע, וועלכן ער ליינט אַראָפּ פון דער גרויסער לייוונט, יעדע וואָך, ווען ער גייט פאַרביי דער טשערטש.*) די פעדערשטע אויסראַזירטע ליפּ, האָט ער געהאַלטן, ווי אַ שלאָס אַראָפּגעלאָזט פאַרן מויל און מיט אַ מין נודנער האָפערדיקייט זיך צוגעשאָקעלט מיט׳ן נאַקעטן, פאַרשטויבטן קאָפּ אינ׳ם האַלב טונקעלן שאָטן פון וואַרשטאַט, ווו ער איז געזעסן אויף אַ נידריקן בענקעלע, נעבן אַ ברודיק טישל.

מיט אים האָבן געאַרבעט עטלעכע פופצן און זעכצן יאָריקע יינגלעך, און איין עלטערער אַרבעטער. אַלע האָבן געלאַטעט אַלטע שוך פאַר אָרימע לייט און טרעמפּס,**) וואָס שלעפּן זיך פון די ווייטע גאַסן אַהער אויף נאַכטלעגער אין די ביליגע שלאָפהייזער.

דער שוסטער האָט צוגענומען נאָר צוויי־ערליי טיפּן פון אַרבעטער. ער האָט געהאט אַן אויג אויף יינגלעך, מיט לאַנגע, שפּיציקע קעפּ און מיט גליטשיקע אויגען און אויף אַזעלכע איבערגעוואַקסענע, וואָס האָבן געהאט גרויסע, קיילעכדיקע קעפּ און גרינע פאַר׳חלומ׳טע אויגען. פון זיי האָט שטענדיק געשלאָגען מיט דער אומהיימלעכקייט פון די ענגע,

---

**) קלויסטער.
**) באָסיאַקעס.

פייכטע און פינסטערע ווינונגען אין וועלכע זיי האָבן זיך געכאוועט. קינדער פון די אָרימסטע געסלעך אין לאָנדאָן זענען זיי צו ביל סמיט געקומען דירעקט פון די שטאָטישע פאָלקס־שולן, און פון די פּאָדער־הייזער פון די גרויסע שענקן אין וועלכע ס'ווימלט תמיד מיט שכורע מענער און ווייבער.

די דאָזיקע דערציונגס־אַנשטאַלטן וואָס האָבן קנאַפּ אויסגעלערנט די קינדער ריכטיק אונטערצושרייבן דעם נאָמען, האָבן זיי אָבער קוואַלי־פיצירט צו ווערן ביל סמיט'ס אַרבעטער.

דאָס איינטאָניקע קלאַפּן פון די שוסטערישע העמערלעך, צווישן די אונטערשטע, הויכע ווענט פון די בלינדע, פאַרויכערטע מויערן, האָט זיך ערשט אויפגעהערט שפּעט אין אָוונט, ווען ס'זענען שטיל גע־וואָרן די ליאַרמדיקע ראַדיאָס אין די גאַסן, און ס'האָבן זיך אויסגעלאָשן די גרויס־שטאָטישע רעקלאַמע ליכטער.

נאָך דער געוויינטלעכער אַרבעט־צייט, פלעג דער שוסטער איבער־בלייבן אין וואַרשטאַט, נאָר מיט דעם עלטערן אַרבעטער, מיט דזשימ'ן. אַ חוץ אים האָט ער קיינעם נישט געהאַלטן לענגער ווי אַ יאָר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט ס'זאָל אים טייער קאָסטן, פאַר עלטערע הענט דאַרף מען צאָלן מער.

דזשימ'ן האָט ער אָבער נישט געקענט אָוועקשיקן, כאָטשע דער בלייכער יינג, מיטן לאַנגען, מאָגערן פנים, האָט לעצטנס נישט געוואָלט ווי געהעריק איינזיצן אויפ'ן בענקעלע, און האָט נאָך דער געוויינטלעכער אַרבעט־צייט זיך אָפּגעזאָגט פון איבער־שעה אַרבעט און אָפט איבער־געלאָזט דעם שוסטער אַליין.

פון צופיל אַרבעטן, איז ביי דעם שוסטער געוואָרן געל דאָס פנים, אונטערן האַלז, זענען אים אָנגעלאָפן גראָבע אדערלעך מיט שלעכט בלוט. אָבער דערפאַר האָט ער געשפּאָרט אַ פּעני, צו אַ פּעני און צונויפגעלייגט דאָס געלט אין דער באַנק . . .

אונטער איין דאַך, האָט מיט ביל סמיט געוווינט נאָך אַ מענטש. דאָס איז געווען זיין ווייב, מיט אַ גרויס פנים און אַ גראָבער נאָז, באַדעקט מיט אַ דיקן שטויב, וואָס האָט אויף איר געשלאָגן פון די אַלע, אַלטע זאַכן מיט וועלכע זי האָט געהאַנדעלט. אירע ליפּן זענען כסדר געווען

אָפּן, זי האָט ליב געהאַט אַ סך צו רעדן, אָבער נישט צו איר מאַן.ביידע האָבן זיי געפירט באַזונדערע לעבנס, מיט צווייערליי באַנק־ביכלעך.

ווען די צוויי באַנק־ביכלעך האָבן דערגרייכט אין זייער ווערט אַ געוויסע קוואַנטיטעט, האָבן זיי אין די בציונגען פון מאַן און ווייב געשאַפן אַ נייע קוואַליטעט. זיי האָבן פאַרייניקט דאָס פּאָר פּאַלק צו איין געמיינזאַמען געדאַנק:

קויפן אַ הויז...

דער שוסטער ביל סמיט איז מיט דער הילף פון זיין ווייב און דער „מאַרטגיידזש סאָסייטי" *) געוואָרן אַ לענד־לאָרד **) אויף אַ פערטל יאָר הונדערט.

דאָס הייזל וואָס ער האָט געקויפט איז געשטאַנען אין אַ קליין, שוואַרץ פאַרויכערט געסל און איז געווען פאַרדינגען צו אָרעמע אַר־בעטער. פון איצט אָן האָט דער שוסטער ביי זיי גענומען דאָס דירה געלט. דער פּלאַן צו קויפן נאָך הייזער האָט זיך אָנגעהויבן שפּינען מיט מער אומפּעט . . .

אין דעם שוסטער׳ס אויגען, וואָס זיינען שטענדיק געווען דורכ־גענומען מיט דער אָפּגעשטאַנענער גראָעקייט פון די ווענט צווישן וועלכע ער לעבט, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ נייער קאָליר. זיי זיינען ביי דער אַרבעט אָפּטמאָל געווען אַנגעשטרענגט, ווי אין זיי וואָלט געשווינדעלט אַ פאַרגעסענע סומע פון עפּעס אַ חשבון, און נישט איינמאָל ווידער האָט פון די אויגען אַרויסגעקוקט אָן אויפגעלייגטער געדאַנק, וועלכער האָט דעם שוסטער צוגעגעבן אינטואיציע צו דער אַרבעט. דענסטמאָל האָט ער גוט געקלאַפּט מיטן העמערל און געטראָפן אין יעדן פלעקן אַריין...

דער וועג צו זיין רייכטום איז אָבער געווען צו אַ לאַנגער. אים איז געבליבן גענוג צייט נישט צו זיין צופרידן. ער האָט נישט איינמאָל געפילט אַ פאַרדרוס צו זיך אַליין און צו דעם צווייטן מענטש

*) געזעלשאַפט וואָס באָרגט געלד אויף הייזער.
**) הויז באַזיצער.

זיין ווייב. הלמאי האָבן זיי נישט קיין קינדער און ס'פּירט זיך נישט, ווי ביי לייטן. אַז מען האָט קינדער וואַקסן זיי אויס געען דערנאָך אַרבעטן, פאַרדינען ווידזשעס *) און ברענגען אַהיים דאָס געלד.

די מאַמע קאַכט אָפּ דאָס ביסל עסן און דער טאַטע באַרייכערט זיך. „די קינדער וואָלטן דאָך אים געמוזט צאָלן פאַר קעסט און קוואַטיר". אים דעם שוסטער האָט נישט ווער צו העלפן ווערן רייך. אַ חוץ דעם האָט ער זיך נישט אויף וועמען צו פאַרלאָזן ווען אים קומט אויס צו געען אָנקוקן אַ הייזל, וואָס די אַגענטן לייגן אים פאָר צו קויפן אַ באַרגיין **) און ווייל ער האָט זיך נישט אויף וועמען צו פאַרלאָזן, מוז ער דערפאַר זיך פאַרלאָזן אויף דזשימי'ן, אויף דעם פרעמדן הונט . . . מ'קען דאָך נישט איבערלאָזן די יינגלעך אַרבעטן אָן אַ שטיקל אויפזעער . . .

דזשים ווייסט, אַז זיין באַלעבאָס גויטיגט זיך אין אים. דאָס באַוווסט־זיין איבער דער וויכטיקייט זיינער, האָט אין אים געשאַפן אַ מין חוצפה, וואָס לאָזט זיך שטענדיק אויס מיט הכנעה און אונטערטעניקייט. זיין צונג האָט זיך מיט אַמאָל, ווי דערפילט אויפגעבונדן און ער פלעג איצט זייער אָפט פּרוון דעם שוסטער געבן אַן עצה, אָדער אים דערציילן, וואָס ער, דזשים טוט אַלץ נישט אויף אין דער לעצטער צייט.

ביל סמיט האָט אָבער נישט גערן געהערט נישט זיינע מעשיות, און נישט זיינע עצות. אַזוי האָט אים איינמאָל שטאַרק פאַרדראָסן ווען דזשים איז געקומען אַנגעטאָן אין אַ שוואַרץ העמדל און זיך באַרימט, אַז דאָס העמדל האָט ער אומזיסט באַקומען פון די פּאַשיסטן און דערצו נאָך, געהאַט מיט זיי אַ פיינעם טרינק אין שענק.

דערביי האָט אין דזשים'ס אויגען געציטערט אַ שעלמיש פייערל, טרינקען איז ביי אים געווען פאַרבונדן מיט דער פאָרשטעלונג פון פרייד, לוסט, און מאַכט. די פאָרשטעלונג האָט ער געטראָגען מיט זיך פון קינדהייט אָן, ווען ער האָט זיך געוואַלגערט אין די פאָדער־הייזער פון די שענקן, וווּ ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט די וואַרימע, הארבע, אַנגערויכערטע לופט, וואָס האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעטראָגן

*) שכירות.
**) מציאה.

אין די קאַלטע, נאַסע און פאַגעדיקע פאַרנאַכטן, ווען די טיר פון שענק פלעג זיך עפענען.

„מען דאַרף נישט האָבן קיין שום פּאַרטייען, נאָר מיר די פאַשיסטן דאַרפן זיין״... האָט ער געשריגען, מיט קינדערישער עקשנות אין זיין טויבן קול, און טעמפּ פאַריסן דאָס לאַנגע, גרינלעכע פּנים. ער האָט זיך געפילט זער שטאָלץ וואָס אויך אים זעט מען יעדן שבת אָוונט אין געסל ווו ס׳זאַמלען זיך ייִנגע חברה, דינסט־מיידלעך, און אַלטע ווייבער, וואָס לויפן פאַרקויפן מויזלי׳ס „בלעק שערט״. *)

דזשים האָט געשפּיגען די ווערטער, ווי האַרטע פלעקלעך, און דעם שוסטער האָט עס פאַרדראָסן, ער האָט געטראַכט: „איך זיץ און האָרווע ביז שפּעט אין דעם נאַכט אַריין און ער אַרבעט אָפּ די פּאָר שעה און האָט שוין צייט צו לויפן אין שענק אַריין צו די פאַשיסטן, די בלעק בלעדי לאָט**) וואָס שלעפּט זיי אין שענק אַריין, וועט זיי נאָך אַלע מאַכן פּאַר ליידיק געער״...

זיין פאַרדרוס האָט ער אָבער פאַרשוויגען, פּונקט ווי ער האָט אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין קרומע צורה, ווען דזשים האָט אים דער־ציילט, אַז ביי זיי אין געסל רייסט מען אַרונטער די קליינע, אַלטע הייזער און מען בויעט אויף זייער אָרט גרויסע „קאַונטי קאָונסיל בילדינגס״***) פאַר אַרבעטער און אָרעמע מענטשן.

אין אַ טאָג גלייך מיט אַלע טעג פון דער וואָך, האָט דער שוסטער זיך געבויגען אויף זיין נידריקן בענקעלע, דאָס פּאַרטוך פאַרוואָרפן אַרום די לענדן און נישט געקענט אַרבעטן. אין מח זענען אים אַרומגעפלויגען ציפערן, די פלעקלעך האָבן זיך געבראָכן אונטער דעם העמערל און נישט געקראָכן אין דער זויל אַריין. ער האָט גערעכנט: „די עטלעכע הייזער דאַרף מען קויפן, דאָס געלד זענען זיי ווערט, אַלע שטיין זיי אין איין ריי״, דעם פּראָפיט, וואָס זיי קענען אַריינברענגען, האָט ער געהאַט, ווי אויף דער האַנט.

---

*) פאַשיסטישע ציַיטונג.
**) די שוואַרצע מיאוסע באַנדע.
***) געמיינדע הייזער.

„דער אַגענט איז אַ היימישער מענטש, ער וועט אים זיכער נישט פאַרפירן״.

דער שוסטער האָט אָבער נישט געדענקט צי די עטלעכע הייזלעך, וואָס שטייען אין איין ריי, ציילן זיך פון איינס ביז דריי, אָדער ביז פיר, און ווען ער האָט אָנגעשטרענגט דעם זכרון, איז אים גאָר געקומען אויפן געדאַנק, וואָס דזשים האָט אים דערציילט און וואָס ער האָט געזען אין דער צייטונג: „די לייבער פּאַרטיי״ *) זאָגט צו, אַז ווען זי וועט קומען צו דער מאַכט, וועט מען אַראָפּוואַרפן אַלע סלאַמס **), און די פאַרוואַלטונג פון דער שטאָט וועט זיך נעמען בויען שענע, גרויסע, נייע מויערן... דעם דאָזיקן געדאַנק האָט דער שוסטער איצט נישט געוואָלט דערקלערן ביזן סוף. בעסער וועט ער זיך אַריבערכאַפּן צום אַגענט און מיט אים איבערשמועסן, — און ער האָט אַ שטומען בליק געטון צום דרויסן...

דער שוסטער ביל סמיט איז אין אַ פּאָר אויסגעדרייטע שוך מיט פאַרקרומטע שפּיצן, דריבנע און גיך, ווי אַ קאַץ אַריבער געגאַנגען פון איין גאַס אין דער צווייטער און מיט אַן אומרו אין בליק געזוכט אויסצומיידן דאָס שטענדיקע פליצן פון רעדער, וואָס שלעפּן איבער די שטיינער אַ זיק־זאַגיש געיעג. מיטן שטראָם זענען געלאָפן מענטשן פון פאַרשידענעם אויסזען, יעדער איינער האָט געטראָגן מיט זיך אַ באַזונדערן עול. דער שוסטער האָט פּלוצים דערפילט, ווי זיינע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרשטעפּעט, ווי די רעדער אין שטיין, האָבן זיך מיט אַמאָל אַ לאָז געטון, און זענען זייער שנעל געלאָפן, אינגאַנצן פאַרטון און זיך איז ער אַזוי געגאַנגען, און פון רגע צו רגע האָבן זיינע פיס, ווי אָנגעוווירן דעם גלייכן האַלט...

...„אפשר וועט מען טאַקע איינוואַרפן די אַלטע הייזער, און די שטאָט־פאַרוואַלטונג וועט זיך נעמען בויען נייע, שענע, גרויסע געביידעס ?... „אַ פאַרצווייפלטער אויסדרוק איז אים אַרויס אויפ׳ן פּנים, די גראָעקייט אין זיינע אויגען איז בלאַסער געוואָרן, דער דרויסן, האָט

*) אַרבעטער פּאַרטיי.
**) די אַלטע האַלב חרובה־הייזער אין לאָנדאָן.

זיך מיט אַמאָל, ווי אָפּגערוקט פון אים, זיינע שלייפן האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו אַרבעטן, און פּלוצים האָבן זיך פאַר זיינע פיס אָ צי געטון גאַסן און געסלעך, האַלב קרומע זיינען זיי פאַרלאָפן אין אַ זייט, ווי צום איבערקערן זיך. „לאָנדאָן פאַלט איין...״ — אָט זעט ער, ווי שמאָלע חורבות רויכערן זיך און שליידערן גאַנצע בערג מיט שטויב, די הייזער ווערן אַרויסגעריסן פון דער ערד און שטיקערווייז אַוועקגעפירט אויף גרויסע לאָריס *) וואָס פאַרשווונדן צווישן געדעכטע מענגעס אַרבעטער, מיט בלויזע אַרעמס״...

אונטערוועגס, אָנגעשפּאַרט אין אַ פרעמדער, קאַלטער מויער איז געשטאַנען דער שוסטער ביל סמיט און געוואַרט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. דער געדאַנק, אַז מען גייט איבערבויען לאָנדאָן, האָט אים נאָך אַלץ געהאַלטן דעם שווינדל פאַר די אויגען. צונויפגעהאַרבעט, ווי אַ מויל־וורף מיט שרעק אונטערן האַרץ, דער אָטעם זאָל אים נישט אויסגיין אין מיטן דער גאַס, האָט ער מיט אַלע כחות אין זיך געקלאַמערט דעם ווילן אונטערצוגראָבן די פראַלעטאַרישע היימען, — די פּראָ־לעטאַרישע צוקונפט וואָס די סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן ווי אויף זאַמד געבויט און נישט געשיצט פון די צושטערערישע הענט.

אויף די פיס האָט אים איצט בלויז אויפגעהאַלטן דער פאַרדרוס אויף זיין ווייב. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער מעגליכקייט אויף יענעם אַרויפצוּוואַרפן די שולד, אַ צווייטן פאַראַנטוואָרטלעך צו מאַכן פאַר זיין צעשטערטן לעבנס־פּלאַן, פאַר דעם פאַרלוירענעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, פאַר דעם אָנטרינען פון זיין עקאָנאָמישער זיכערקייט, און ער האָט מיט פאַרביטערטקייט געטראַכט: „פאַרוואָס האָבן זיי נישט קיין קינדער, קיין יינגע באַיעס וואָס זאָלן ווערן פאַשיסטן אַזוי ווי דזשים, זיי וואָלטן געהאָלפן אַ סוף צו מאַכן, צו די אַלע פאַרטייען און צו דער געמיינדע פאַרוואַלטונג״, און מיט אַמאָל האָט אין אים אויפגע־ברויזט אַ נייער כח, ווי ער וואָלט דערפילט אַ שטויס פון אַ פרישער, אינערלעכער קראַפט. זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ געלן געדאַנק:

„מען נעמט דאָך צו אויך עלטערע מיטגלידער אין דער פאַשיסטישער פאַרטיי״...

*) לאסט וועגענער.

ביל סמיט האָט געגומען אַרויסווייזן זיינע כחות אין די קרייזלעך פון האַלב צעדרייטע יינגן, מושטרירטע אין שוואַרצן, וואָס האַלטן זיך אין איין לערנען ספּיטשיס *), און גרויסן זיך איינצונעמען די יידישע געגנטן.

אויף אַ באַזונדערן שטייגער האָט זיך זיין פרישע האַפּערדיקייט צעשפּילט, ווען ער פלעג זיך באַגעגענען אין „רידזשענט סטריט, אין הייד־פּאַרק־קאָרנער, אָדער אַרום טשערינג-קראָס רויד **), מיט די מאָד־נע, פאַרביסענע בליקן אין די קרום־פאַרצויגענע אויגן פון די טעמפּע מיידן, וואָס דרייען זיך אַרום באַהאַנגען מיט פּאַפּירענע שילדלעך פון וועלכע ס׳שרייען אַראָפּ אויסגעמח׳טע זידל־ווערטער צו די יידן . . .

די געמיינע, פאַשיסטישע לאָזונגען, זענען ביל סמיטן גיך געקראָכן אין קאָפּ אַריין, און שנעל האָבן די חשבונות ביי אים אָנגעהויבן וואַקסן און זענען שווערער געוואָרן.

ער האָט ביי דער פאַשיסטישער פּאַרטיי געהאַט אַ וויכטיקן „דזשאָב" . . . אים האָט מען צוגעטיילט דעם כבוד צו זיין דער ערשטער ביי אַ פאַרזאַמלונג, וואָס די שוואַרצע חברה מאַכט אין די ווינקלען פון די גאַסן. ער דאַרף זיך אַרומדרייען מיט אַן אָנגעשטרענגט בליקל אין די אויגן און מאַכן אַפּעטיט אַנדערע זאָלן אויך צוקומען. און, אַז ס׳האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט אַן עולם צוהערער דאַרף ער אַריינוואַרפן אַ געפעפערטע פראַגע, וועלכע מ׳האָט מיט אים לאַנג איינגעחזרט און אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק.

די שמחה איז אים אָבער שטענדיק פאַרשטערט געוואָרן דורך די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלבער גאַס אָפּגעהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען. ער האָט זער נישט געקאָנט ליידן וואָס אַרום זיי זאַמלט זיך אַ גרעסערער עולם פון צוהערער, און ער האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון די קאָמוניסטישע לאָזונגען, און באַזונדער פון זייער שרייען:

---

*) רעדעס.

**) באַלעבטע צענטערס אין לאָנדאָן.

— . . . „רעץ . . . רעץ . . . ווי מאַסט געט ריד אַף די רעץ!!!״ *)

אין זיינע אויגן, וואָס פלעגן לויט דער אַלטער געוווינהייט אויפ־מערקזאַם נאָכפאָלגן, און לייענען אַלע אויפשריפטן, האָבן אַלץ אָפטער געשווינדעלט די פאַרשידענע לאָזונגען, וואָס האָבן, מיט דעם צאָרן פון אונטערדריקטע און מיט דער מאַכט פון גערעכטיקייט געדראָעט פון די פלאַמיקע פענער, וואָס די פאַראייניגטע טרייד־יוניאָנס, **) די סאָציאַליס־טישע יונגענד און אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, האָבן פאַר זיך געטראָגן . . .

אונטער דער רויטער פאָן, מיט די אַרבעטער, האָט ער דערזען אויך אַ סך פון די שכנים, וועלכע מ׳האָט אין זיין גאַס געהאַלטן פאַר חשובע בירגער; אין זיינע אויערן האָט געקלונגען דער מעכטיקער רוף:

— „יונייטעד פראָנט!!! פייט פעשיזם ענד קעפיטאַליזם!!!״ ***) וואָס האָט זיך געטראָגן פון די געדעכטע רייען.

און ביל סמיט, האָט עפּעס נישט געוווסט ווי אַזוי זיין שנאה און מורא האָבן פלוצים אָנגעהויבן פאַמעלעך, אָבער מיט אַ דערעסנדיקער עקשנות איבערגיין אין בושה, און ווי אַזוי ער האָט זיך עס מיט אַמאָל דערפילט אינגאַנצן אָפּהענטיק און פאַרלוירן.

. . . און דער קאַלנער פון זיין אַלטן ראָק האָט אַלץ טיפער אין זיך אַריינגעצויגן דעם נאַקעטן קאָפּ . . .

---

*) שטשורעס, שטשורעס, מיר מוזן פטור ווערן פון די שטשורעס.

**) פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

***) פאַראייניגטער פראָנט, קעמפט קעגן פאַשיזם און קאַפּיטאַליזם.

אידעאַליסטישע שפּעקולאַציע

אידעאַליסטישע שפּעקולאַציע

דער איידעם פון מיסטער דזשייקאָב שפּיגל וווינט אין גאָלדערס גרין,*) אַ חוץ די גרויסע פּיקסן, מיט די געדעכטע ווײדלען, וואָס ער פּאַרקויפט אין זיין קרום פון פוטערוואַרג אין ווייטשעפּל, צו די רייכע יידינעס פון דער געגנט, האַנדלט ער אויך מיט פּראָפּערטי,**) קויפט אַלטע הייזער און פּאַרדינגט באַזונדערע וווינונגען צו אַרבעטער און אָרעמע מענטשן . . .

די געשעפטן גייען גוט . . . ער איז רייך . . .

זיין שווער טראָגט זיך אַרום מיט אַ רעגן שירם און מיט אַ גראָב קעשענע־ביכל אין וועלכן ער שרייבט איין דאָס דירה געלט, וואָס ער מאָנט צענויף. ער איז אַ געטרייער קאָלעקטאָר,***) און היט גוט אָפּ דעם איידעמס ביזנעס.

. . . , אין אָוונט קומט ער צו אים, זעצט זיך אַוועק אין אַ ווייכן שטול, שלעפּט אַרויס פון דער קעשענע דאָס גראָבע ביכל, דערלאַנגט עס דעם איידעם און זאָגט:

— „ס'איז נישט גוט מייקל! . . .

דער איידעם ציט אָן אַן אומרואיקן בליק און די קליינע אויגן, וואָס גלאַנצן, ווי פאַלשע דימענטן און הערט אויס מיט געניטער פּינקטלעכקייט ווייפל וווינונגען ס'וועלן אין אַ פּאָר טעג אַרום בלייבן שטייען ליידיק . . .

---

*) אַ געגנט אין לאָנדאָן ווו ס'וווינען רייכע יידן.
**) הייזער (אין פיגוראַטיוון זין).
***) געלט מאָנער.

— „מ׳דאַרף אַרויסוואַרפן די טענענטס*) פון די הייזער נומער 26, 28 און 30, זיי האָבן פאַרלוירן די דזשאָבס**) און וועלן נישט קענען צאָלן . . . „מיסטער שפּיגל לאָזט אַראָפּ דעם בליק צו דער הייסער טיי וואָס ער נעמט זיך טרינקען.

אין שטוב איז וואַרעם. אין אַלע ווינקעלעך איז פול דאָס עלעק־טרישע ליכט.

— „איך וועל קיינעם נישט שוינען, אפילו נישט מיסטער ריקלינ׳ן, כאָטשע ביז איצט האָט ער פּינקטלעך געצאָלט״, בייזעט זיך מייקל און קוקט אויפן שוואָגער מיט אַ ציטער אין די קליינע אָנגעשטרענגטע אויגן . . .

ווי געוויינטלעך פאַרפּלאָנטערט זיך מיסטער דזשייקאָב שפּיגל אין זיין שמועס און הויבט פּלוצים אָן רעדן וועגן ציוניזם. ער טראָגט שוין פון לאַנג אין האַרצן אַ פאַרבאָרגענע ליבע צום הייליגן לאַנד. ער פלעג כסידר זאָגן דעם איידעם:

— „אָך מייקל, ווי גוט ס׳וואָלט געווען ווען דו קויפסט אַ שטיק לאַנד אין פּאַלעסטינא, מיר וואָלטן זיך דאָרט אויסגעבויט אַ הויז, פאַר־פּלאַנצט אַ גאָרטן, מיט פּירות, און געלעבט אַ רואיק לעבן . . .

מיסטער דזשייקאָב האַלט זיך פאַר אַן איבערגעגעבענעם ציוניסט, איז אַן אָפּטער אַריינגייער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און האָט שטאַרק ליב אין דער זייט ביי דער טיר דאָס אָנגעקלאַפּטע קליינע, גלאַנציק, מעשן־שילדל, מיט דער העברעאישער אויפשריפט:

— „די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון גרויס בריטאַניע! . . .״

יעדער מאָל וואָס מיסטער דזשייקאָב שפּיגל מאַכט אויף די שווערע, פאַרמאַכטע טיר, וואַרפט ער אַ וואַרימען, היימישן בליק אויפן שילדל, די פינגער גיבן זיך ביי אים אַ ציִ, ווי צו אַ מזוזה, ער וואָלט געוואָלט אָנרירן דאָס שילדל און קישן די פינגער . . . פאַמעלעך גייט ער אויף די טרעפּ פון איין שטאָק אויפ׳ן אַנדערן, ווויצלט זיך מיט די מיידן, וואָס ווייזן זייערע חן גריבעלעך דורך די טירן פון די אָפּיסעס ***) און זאָגן אים:

*) קאָמאָרניקעס.
**) אַרבעט.
***) ביוראָ.

„שלום מיסטער שפיגל . . . ער מאַכט אויף מיט דרך אֶרץ די טיר פונ׳ם גרויסן זאַל אין וועלכן ער האָט זייער ליב אַנצוטרעפן אַ געדעכטן עולם פון ציוניסטישע גדולים, וואָס קומען זיך צענויף פראווון אַ הזכרה נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם ציוניסטישן פירער, און אַזאַ מאָמענט פילט ער זיך מיט לייטן גלייך . . .

— „מיסטער שפיגל, ווען וועט איר אייך באַזעצן אויפן באָדן אין ארץ ישראל״ ? פרעגט מען אים תמיד די זעלבע פראַגע.

— „יאָ — יאָ, מיר דאַרפן זיך פראָדוקטיוויזירן״, ענטפערט ער, מיט אַ ווייך פאַר׳חלומט שמייכעלע . . .

איינמאָל אין אָוונט איז אים דער איידעם אנטקעגן געגאַנגען און געזאָגט :

— „שווער איך וויל קויפ׳ן ערד אין הייליגן לאַנד . . .״

מייקל איז דעמאָלט גראָד אַ היימגעקומען פון „לייאַנסעס־קאָרנער־הויז״*) וווּ ער איז מיט זיין ווייב געזעסן און ענדזשאָיעט**) די טיי און די פעיסטרעס***) ביי דער זיסלעכער מוזיק, וואָס האָט געשפּילט די התקוה. זיינע געדאַנקען געבוירן פון דער קנאה צו די באַקאַנט וועלכע האָבן געמאַכט פאַרמעגנס אין פּאַלעסטינא, די געדאַנקען וואָס האָבן זיך שוין אַ שטיק צייט געדרייט אין זיין מח, זענען מיט אַמאָל רייף געוואָרן און איבערגעגאַנגען אין אַ ניי געפיל, אין אַ הייסן נאַציאָנאַליסטישן געפיל. זיין הארץ איז ווייך געוואָרן, ווי אַ פייג אין דער מילך, ער האָט דערשפּירט, אַז מ׳דאַרף פאָלגן דעם שווער . . .

אַזוי איז אויך דער איידעם געוואָרן אַ ציוניסט . . .

ער האָט זיך אָנגעהויבן מער צו אינטערעסירן מיט די נייעס, וואָס דער שווער האָט געבראַכט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און זיך געפרייט ווען, יענער האָט דערציילט, אַז גאַנצע שיפן מיט יידן פאָרן קיין פּאַלעסטינא, דאָרט איז פּראָספּעריטי****), ערד שטייגט, די פּרייזן וואַקסן, ווי נאָך אַ רעגן . . .

*) אַ באַקאַנט קאַפעהויז אין לאָנדאָן.
**) הנאה/געהאַט.
***) צוקער געבעקס.
****) וווילשטאַנד.

— „פאַר דיינע צוויי הונדערט פונט וואָס דו האָסט געגעבן פאַר דעם שטיק ערד אין תל־אביב, קענסטו היינט אָפּנעמען צוויי טויזנט פונט — ערד שטייגט, — הערסט, מייקל!" האָט דער שווער צו אים איינמאָל געזאָגט . . .

מייקל האָט געטרינקען טיי און דערווייל געשוויגן.

— „אפשר וואָלסטו פאַרקויפט דעם באָדן" ? ? ?

מייקל האָט פאַרצויגן דעם הארטן שטערן און געענפערט :

— „איר זענט אַ נאַר שווער, איך וויל נישט פאַרקויפן . . . פּלוצים האָט ער דערפילט אַ נייעם געדאַנק :

— „איר ווייסט וואָס שווער ?", האָט ער ווייטער געזאָגט, „איך וועל דאָרטן בויען הייזער און פאַרדינגען וווינונגען, ס'איז נישט קיין אונטערשיד פּאַלעסטינא, אָדער ווייטשעפּל, פאַרקערט אין פּאַלעסטינא איז דאָס דירה געלט טייערער . . ."

איר וועט פאָרן אַהין און דאָרט זיין אַ קאָלעקטאָר . . .

— „אַ טייערער איינפאַל מייקל, האָט מיסטער דזשייקאָב געענ־פערט . . .

מיט פאַרקנייטשטע שטערנס און אויפגעהויבענע קעפּ האָבן זיך די צוויי ציוניסטן גענומען חשבונ'ען די נייע שפּעקולאַציע . . .

— „ס'איז אַ גוט געשעפט", האָט געזאָגט דער איידעם, — „מיר בויען אונזער לאַנד, מיר ווערן פּראָדוקטיוו", האָט געענפערט דער שווער . . .

אַ גינע אַ טאָג

אַ גינע אַ טאָג *)

הונדערט פופציק יידן און ווייבער, האָבן געזאָלט אויפגערעכט ווערן.

בעק סטריט איז דערפון געוויר געוואָרן, ווען זי איז מיט איר גאַנצן שמאַדער אין אַ גאַנצפרי אַרויסגעקומען פון די קלענערע און גרעסערע, פאַרשוואַרצטע הייזער, ווי צעלעכערטע קאַליע צײן און מ׳האָט אין די פענסטער, אויף די טירן און אויף שטעלעס, ווי שטענדיק ווייטער אַמאָל צעלייגט פאַרשידענע דרויבן, טויטע פיש מיט בלייכע זשאַברעס, צוגע־לעגערט אויבסט, געטריקנטע בייגל, אַרבעס, באָבעס, זויערקרויט, אוגער־קעס, קנאָבל, תפילין, מזוזות, טליתים און ציצית — צו פאַרקויפן . . .

אין די ווינקלען פון דער גאַס האָט מען זיך גע׳סוד׳עט:

— . . . „דו וועסט אויך געען?״, האָט אַ ייד, מיט אַ בלאַס גע־שפיצט פנים און הויכע קנאַכיגע אַקסלען — געפרעגט זיין שכן.

— . . . „יאָ״ . . .

— . . . „ווו וועט מען זיך טרעפן אין אַלד־גייט **), אָדער דאָרט אויפן פּלאַץ?״

— . . . „גלייכער איז אויפן פּלאַץ!״

— . . . „זייגער וויפל?״

— . . . „נישט שפּעטער, ווי זיבן אינדערפרי״ . . .

— . . . „שאָוול איז דאָרט געוואָרן אַ גאַנצער קנאַקער, האָסט אויך געהערט דערפון?״

— . . . „וויאַזוי איז עפּעס שאָוועלע גאָר געוואָרן אונזער פאַר־זאָרגער, וואָס־זשע ער איז שוין סלעק ***), אויס שניידעריי?, איך האָב

*) ענגלישע געלט אין ווערט פון אַ פונט מיט אַ שילינג.
**) אַ באַקאַנטער פּלאַץ אין ווייטשעפּל.
***) אָן אַרבעט.

אים טאַקע געזען אויבן אין דער יוניע *), שוויצן ביים דאַמינאָ . . .״

— . . . „דו שפּילסט דיך מיט שאָוולען, ווייסט אים דער רוח ווו ער האָט ערגעץ דערטאַפּט דעם יונגענמאַן אינ׳ם גרינעם רעקל . . .״

— . . . „הייסט עס, אַז דער מיסטער אינ׳ם גרינעם רעקל, האָט אים איבערגעגעבן די קאָמאַנדע!״

— . . . „מ׳דאַרף זען צו פּוילן ביי שאָוולען, אַז מיר זאָלן קענען אַהין געען אַ פּאָר טעג, — וואָס זאָגסטו, האַ — אַ גינע . . .״

בעק סטריט איז געווען אין סאַמע ברען.

שאָוול און דער יונגערמאַן אינ׳ם גרינעם רעקל, זענען געשטאַנען אין דער זייט. אַנטקעגן זיי, האָט זיך געשוואַרצט אַ הויכע בלינדע, פאַרונענע וואַנט, איבער וועלכער ס׳האָבן זיך אומהיימלעך געפּאַכעט צעפּליקטע שטיקער פּלאַקאַטן, און אונטער זיי, זענען געזעסן צוויי אַלטע צענויפגעדרייטע יידינעס, ווי אָפּגעשלאָגענע קוימענעס, פון זייערע ליי־דיקע, אָפענע מיילער, האָבן זיך שטענדיק געוואַרט די ווערטער: — „בייגל, בייגל, דריי אַ פּעני . . .״

דער יונגערמאַן, אינ׳ם גרינעם רעקל, האָט באַטראַכט בעק סטריט, מעשה מבין און געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס געסל, וואָס מ׳האָט אין דער סטודיאָ אויסגעבויט, פון פּאַפּיר און ברעטלעך, איז גאָרנישט צו פאַרגלייכן מיט דער ווירקלעכקייט. ווען מ׳זאָל קענען בעק סטריט אָפּ־פאָטאָגראַפירן אַזוי ווי ס׳שטייט און גייט, וואָלט ווערט געווען צו צאָלן יעדן פּרייז. באַלד דאַרויף האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אויב שוין אָפּ־פאָטאָגראַפירן, איז דאָס יידישע געסל גאָרנישט אַזוי, איי—איי—איי . . . פאַראַן אין לאָנדאָן נאָך וואַזשנערע געגענטן: טשיינאַ טאַון **), דער איטאַליענישער קוואַרטל, האָקסטאָן ***), די דאָקס ****), יעדע געגענד באַזונדער איז ווערט פאַרפילמט צו ווערן . . .

---

*) פאַריין.
**) כינעזישע געגענד.
***) אָרימע אַרבעטער געגענד.
****) ביים האַפן.

— . . . „נו, מיסטער שאָול, האָט איר שוין צענויפגעזוכט דעם גאַנצן עולם ?“

— . . . „ס׳זענען דאָ מער ווי מ׳דאַרף“, האָט שאָול געענטפערט.

— . . . „איר זאָלט זען צוברענגען, וואָס מער מיט צעקרומטע פּנימער, „יו נאָו וואָט איי מין“ *), האָט דער יונגערמאַן אינ׳ם גרינעם רעקל געמאַכט אַ צופרידענע מינע אויפן חשבון פון זיין געלונגענעם אויפטו צו ברענגען אמתע יידן אין דער געטאָ־סצענע, וועלכע איז אַזוי וויכטיק אין דעם גרויסן פילם, וואָס ווערט איצט געמאַכט.

— . . . „הער רעזשיסער“, האָט ער געזאָגט — „איך וועל אייך ברענגען אמתע טעמפּע, אָפּגעשטאַנענע יידן, מיט האַרטע צעקרומטע פּנימער, שטייפע האַרבאַטע נעזער, קרומע אויגן, מיט געדעכטע אַנגע־וואַקסענע ברעמען, אַז זיי וועט מען נישט דאַרפן קיין סך פאַרמאַסקירן, און זיי וועלן אויסזען, נאָך עכטער, ווי די יידן פון אַמאָליגן געטאָ“ . . .

דער דייטשער רעזשיסער, האָט אים דערפאַר געקלאַפּט אין דער פלייצע און געזאָגט: „גוט „מאַריץ“, גוט“. ער האָט זיך געפרייט און אַרונטערגעשלינגן די איראָניע, וואָס איז געלעגן אונטער דעם וואָרט „מאַריץ“ . . .

— . . . „באַזאָרגט אויך צוויי ספר תורה׳ס, מיסטער שאָול, ווייל אין פילם קומט פאָר אַ וויכטיקע סצענע — „אַ ביג מען“ **), דאַרף קישן ספר תורה׳ס“ . . .

שאָול איז געווען שטאַרק צופרידן פון דעם „דזשאָב“. ער האָט האָפערדיק באַוויגען מיט די ווייס פון זיינע גלאַנציקע אויגן אין וועלכע ס׳האָט זיך געפורמט אַ באַפעלערישער אויסדרוק, און געענפערט:

— . . . „אין ווייטשעפּל זענען דאָ גענוג ספר תורה׳ס“ . . .

שאָול האָט זיך באַוויזן אויפן פּלאַץ ווו ס׳דרייען זיך אַרום די מענטשן, וואָס זוכן אַרבעט.

*) דו פאַרשטייסט וואָס איך מיין.

**) אַ גרויסער מענטש.

מ׳האָט דאָרט געוווסט, אַז שאָול קען שוין לעצטנס מער נישט דינגען קיין אַרבעטער און, אַז ער וועט אינגיכן שטייען צווישן, יענע, וואָס פאַרדינגען זיך.

ווען זיי האָבן דערהערט פון דעם גליק, וואָס דאַרף איצט געבוירן ווערן פון אַ גוטן פאַרדינסט, האָבן זיי אָנגעהויבן קוקן אויף שאָולען מיט אַ מין אומצוטרוי . . . ווער ווייסט ווו שאָול, וועט פאַסטריגעווען . . .

שאָול האָט זיך צוגעשאַרט צו עטלעכע נידריקע און העכערע יידן אין אָפּגעטראָגענע מענטל, אין צעדרייטע קאַשקעטן, פאַריקטע אונטער די אויפגעשטעלטע קעלנער און היימיש, גוטברודעריש זיי עפּעס איינגעראָמט אַ סוד, אַליין איז ער אַוועק אין דער „יוניע״.

שנעל, שנעל אַרויף דעם באַרג, פון פונסטערע, אויסגעטרעטענע טרעפּ איז ער געלאָפן, און אַ פאַרשוויצטער אַריין אין דעם אָנגעראויכערטן זאַל מיט שוואַרצלעך, נאַקעטע ווענט און אַ פייכטן טונקעלן סופיט. אין די ווינקלען אויף לאַנגע הילצערנע בענק, ביי קליינע, ברודיקע טישלעך, פאַרויכערטע פון ציגאַרעטן, אויסקעבערענטע, מיט פלעקן, ווי שוואַרצע פאָקן, זענען געזעסן אַרבעטער מיט איינגעפאַלענע גאָמבעס, און ליידיקע מיילער, אין זייערע אויגן ווייגט די נויט, די פּנימער זענען בלייך, די באַקן איינגעפאַלן, די נעזער קאַלט, האַרט און פאַרשפּיצט אין מח פּיקיט דאָס קול פון אַ קינד, דער קרעכץ פון אַ ווייב . . . מ׳רעדט וועגן אַ „דזשאָב״ — „אָט איז דאָ שאָול״ . . .

עטלעכע פינסטערע בינטלעך קעפּ האָבן זיך צענויפגעשטיפּט איינאיינעם . . .

— „יאָ״ מאָרגן גאַנצפרי און פּינקטלעך אין אָלד־גייט״ . . .

פון דאַנען איז שאָול אַוועק זוכן ספר תורה׳ס.

אין אַ קליין געוועלבל מיט אַ שמאָל טירל, האָט ער טיף אַריינגעשטופּט דעם קאָפּ, ברייט אויפגעמאַכט די אויגן און אַראָפּגעלאָזט דעם בליק צווישן אָנגעוואָרפענע ספרים, ביכער, תפילין און טליתים.

— „מיסטער בערל איז דאָ, איך וויל מיט אים רעדן״ . . .

פון אַ ווינקל האָט זיך אַרויסגעריקט אַ געלער ייד, מיט דערשראָקענע, ווייסע אויגן, מיט אַ גראָבער בלאָער נאָז, וואָס האָט זיך געקרומט פון אונטערן נידריקן שטערן און זיך עקשנות׳דיק פאַרהאַקט

גאַנץ נאָענט ביי דער אויבערשטער ליפּ, ווי אַן אָנגעצויגן בערשטעלע, מיט פונסטערע, געדעכטע, שפּיציקע האָר. דער ייד האָט געפרעגט מיט אומצוטרוי און פאַרדאַכט אין די ווייסע אויגן:

— „ווּעמען זוכט איר, און וואָס ווילט איר?"

— „ליסן" *), מיסטער בערל, איך מוז האָבן צוויי ספר תורה׳ס, האָט שאָוול געשטאַמלט.

מיסטער בערל׳ס נאָז, האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט שאָוול׳ן אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם, וואָס דאַרף עפּעס שאָוול דער שניידער ספר תורה׳ס. ער ווייסט אַפילו, אַז שאָוול איז אַנאויפטוער, און איז שוין עטלעכע מאָל געווען אַליין אַ גאַונער **), אָבער וואָס דאַרף ער גאָר פלוצים ספר תורה׳ס . . .

— „ליסן מיסטער בערל", האָבן זיך פון שאָוול׳ס געדאַנקען אָנגע־הויבן דראַפּן ווערטער, ווי זשאַבעס פון אַ בלאָטע — „מאָרגן גאַנצפרי גייען אַ סך יידן און ווייבער צום פילם, מ׳וועט זיי צאָלן אַ גינע אַ טאָג, — „יו נאָו וואָט איי מין", ***) ער האָט געפּלאַפּלט און געשוויצט ביז אים איז געלונגען קלאָר צו מאַכן פאַר מיסטער בערל׳ן, אַז די יידן און ווייבער פון בעק סטריט און אַנדערע געסלעך, דאַרפן אין פילם ווייזן אַ סצענע, וועלכע איז לויט דער היסטאָריע, וואָס אַ שרייבער האָט באַשריבן אין אַ בוך, פאַרגעקומען אין ערשטן פראַנקפורטער געטאָ.

מיסטער בערל האָט אַ פינטל געטאָן מיט אַ ווייסן אויג און דעם בליק אַראָפּגעלאָזט אויף אַ ברייטער, פאַרמאַכטער שאַפע, און נאָכדעם, וואָס ער האָט מיט שאָוול׳ן אָפּגעמאַכט דעם האַנדל פאַר כך וכך, האָט ער אים געהייסן קומען מאָרגן גאַנצפרי, און אים אָנגעזאָגט: „נאָר געדענק שאָוועלע! — שאַ — קיינער זאָל נישט וויסן ביי וועמען דו האָסט גע־נומען ספר תורה׳ס".

שאָוול איז געווען צופרידן, אָבער אומרואיק. פילמען האָבן זיך אים איצט געדרייט אין קאָפּ. נישט איינמאָל איז ער אָפּגעזעסן אין די

---

*) הערט.
**) באַלעבאָס.
***) דו פאַרשטייסט וואָס איך מיין.

„פּיקטשער פּעלעסעס"*) און אין דער פינסטער געהאַלטן דריי שעה וואָך, אַנגעשטרענגט די אויגן אַנטקעגן דער בלאַסער שיין, וואָס באַ־וועגט זיך מיט אַ געריוש פון קלאַנגען און קולות אויף דער לייוונט, אויף וועלכער ס׳ציטערן די שאָטנס, וואָס שווימען אויף מיט באַדעכטיק־טער רו און אומרו, פלאָנטערן זיך אין די אַנגעצויגענע בילדער, וועלכע פאַרשכורן דעם אָנבליק מיט שפּיציקער אויפרעגונג און זיסלעכער פרייד. ווי אין חלום, האָבן זיך אים איצט געפּלאָנטערט די מעשיות פון פאַר־ברעכנס, אינטריגעס, ליבעס, שפּיאָנען, שלאַכטן און קיסרים. אים האָט אַ רייץ געטאָן אַ שטאַרקע קראַפּט אין די הענט צו געבן אַ שטויס דעם סוף טאָג אין ריקן, ווי ער טוט דאָס אַמאָל אַ גוטן פריינט, ווען ער וויל אָפּשטופּן פון וועג . . .

מיטן באַגינען האָבן זיך די יידן און ווייבער פון די אונטערגעסלעך געשלעפּט צו דער אונטער־ערדישער באַן אין אַלד־גייט.

צווישן די ליידיקע גאַסן און גראָע מויערן, וואָס קוקן שטענדיק אַרויס אויפן איינטאָניקן טומל, וועלכער חזרט זיך כסדר איבער אין דער גרויסער שטאָט, האָבן זיך געהערט די שווערע טריט פון שטאָטישע אַר־בעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי די באַנען, בריקן, קאַנאַלן און ביי די וועגן אין די גאַסן. זיי האָבן געשפּאַנט, ווער מיט מכשירים אויף די אַקסלען, און ווער מיט בלויזע, לאַנגע, אויסגעצויגענע הענט. פון דאָ און דאָרט זענען אַנגעלאָפן די שווערע וועגענער, וואָס שלעפּן דאָס פלייש צו די יאַטקעס, פאַרוואָרפן מיט אָפּגעשיינדענע בהמות און נאַקעטע קעלבער, מיט אויפגעשניטענע, ליידיקע בייכער, פאַרבלוטיקטע קעפּ, אין לאַנגע צינגען, וואָס האָבן זיך נאָכטאַלעפּעט.

די יידן האָבן זיך געדרייט אין דער קעלט, מיט אומרו אין די אויגן, זייערע אויסגעמאַטערטע, צעקרומטע פּנימער, האָבן אין דער פּייכטער לופט אויסגעזען פאַרבלאָעט, זענען אָבער געווען לעבעדיקער און ס׳האָט פון זיי נישט געשלאָגן מיט, יענער טויטלעכער גרין־געלקייט, מיט וועלכער ס׳אָטעמט געוויינטלעך פון זיי. זיי זענען געווען אומרואיק, וואָס שאָוול, האָט זיך פאַרשפּעטיקט.

---

*) קינאָ טעאַטערס.

— „ווי אַהין וועט מען פאָרן ?, — וואָס וועט מען דאָרט טאָן ?, וועט מען טאַקע קריגן באַצאָלט אַ גינע אַ טאָג ?" . . .

דער ייד מיט די הויכע, קנאָכיקע אַקסלען, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן ווי אַזוי ער זאָל זיך שאָול'ן אונטערחנפ'נען, האָט אַ געשריי געטאָן : — „אָט קומט ער", און איז אים אַנטקעגן געלאָפן.

שאָול האָט געשפּאַנט מיט אונטערגעיילטע טריט און געדזשוויגיט אונטער די אויסגעצויגענע, לאַנגע הענט די צוויי ספר תורה'ס איינגעוויקלט אין גראָע טיכער. דאָס יידל, האָט זיך אונטערגעריקט און אים גרינגער געמאַכט אונטער איין אָרים.

— „סאָטש אַ דערטי דאָג" *), האָט שאָול געשריגן און דערציילט, אַז זיין באַלעבאָס, דער ייד, וועלכער האָט אַן אַנגעשטאָפּטע קראָם, מיט וואָלענע פאָדים, האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און אים געשראָקן אַרויסצעוואָרפן אויף צוויי שפּענדלעך, אויב ער וועט אים נישט תיכף באַצאָלן דאָס דירה געלט . . .

ביים גרויסן טויער פון דער פילם־סטודיאָ איז געשטאַנען דער יונגערמאַן אינ'ם גרינעם רעקל און האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם עולם.

צוערשט האָט ער אַריינגענומען די צוויי ספר תורה'ס און זיי דערלאַנגט צו אַ הויכן באַדינער אין אַ טיפן, שטייפן צעלינדער. די יידן האָט ער דערלאַנגט ווייסע צעטלען און זיי אַריינגעלאָזט אין פינסטערע, שמאָלע, לאַנגע קאָרידאָרן. אויף זייערע צעקרימטע, מידע פּנימער, האָט זיך באַוויזן אַ טעמפּע באַוונדערונג. זיי האָבן זיך גאָר עפּעס אַנדערש פאַרגעשטעלט.

— „וואָט דו יו סעי שאָול", **) האָט זיך צורעד דאָס יידל, וואָס האָט זיך אַרום אים געדרייט, — „דאָ זעהט עס דאָך עפּעס אויס, ווי אין אַ קאַזאַרע, וווּ מ'מושטרירט סאָלדאָטן" . . .

שאָול איז אינמיטנדרינען פאַרשוווּנדן מיטן יונגנמאַן אין גרינעם רעקל.

*) אַזאַ שמוציקער הונט.
**) וואָס זאָגסטו דערצו, שאָול.

— „איך וועט מען דאָ מאַכן פאַר אַ רבי, נעמט איך דאָס גיט אין קאָפּ אַריין, דערפאַר וועט איר קריגן באַצאָלט אַכט מאָל אַזויפיל . . . געדענקט, אַז איר זענט דער רבי פונ׳ם פראַנקפורטער געטאָ״.

שאָוול׳ן האָבן אָנגעהויבן ציטערן די פיס, ער איז געוואָרן רויט.

— „שרעקט איך נישט״, האָט אים געזאָגט דער יונגערמאַן אין גרינעם רעקל, און דערביי וויליוגעריש געצויגן מיט אַן אויג, — „קומט״, ער האָט שאָוול׳ן אַ שלעפּ געטאָן פאַר אַן אַרבל, און אים אַריינגעפירט אין אַ צימער מיט אַ סך שפּיגלען.

אין אַ גרויסן הויף, האָט מען זיך געגרייט צו פילמען די מאַסן־סצענע. מ׳האָט מושטרירט די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס דאַרפן אויס־גיסן אַזויפיל ליכט, אַז די זון אַליין זאָל זיך נישט דערקענען. ביי אַ שמאָל געסל געמאַכט פון פּאַפּיר און ברעטלעך, זענען געשטאַנען צוויי גרויסע ווייסע פערד אין גראָבע, לעדערנע געשירן, געשפּאַנט אין אַ שווערן, אַלטפרענקישן, באַגילדעטן קויטש, מיט הויכע געפּאַרבטע רע־דער. אין דעם וואָגן, האָט זיך באַדאַרפט אַריינזעצן דער חשובער ייד, — אַ ייד, וועלכער איז לויט דער באַשרייבונג אין דער היסטאָריע אַמאָל געווען אַן אַריינגייער אין די קעניגלעכע הויפן. ער איז געווען זער רייך, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, פאַרנומען אַ הויכן אַמט, און האָט דעם קיסר צוגעשטעלט שיינע ווייבער.

דעם דאָזיקן יידן פונקטלעך פאַרצושטעלן האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַ באַרימטן אַקטיאָר, אַ גרויסן און אַ הויכן. ער האָט זיך אין הויף אַרומגעדרייט אויסגעשלייערט אין זער רייכע קליידער, דאָס פּנים האָט ביי אים אויסגעזען אַביסל אויסגעלאָסן, אונטער די אויגן פעסט אונטער־געשוואַרצט.

זיינע פעטע, אָנגעשמירטע באַקן, האָבן פונדערווייטנס ראָזלעך גע־גלאַנצט, אין לינקן אויג האָט ער געטראָגן איינגעקוועטשט אַ קליין קיי־לעכדיק גלעזל, ער האָט פון זיך געבלאָזן, און געמאַכט דעם אָנשטעל.

דער יונגערמאַן אין גרינעם רעקל, האָט אונטערטעניק זיך געדרייט אַרום אים און אים שטיל איינגערעדט, ווו ער דאַרף אַ קוש טאָן דער תורה, וועלכע שאָוול דער רבי וועט אים אונטערטראָגן.

די יידן אין די טינקעלע קאָרידאָרן, האָבן אויפן אָרט פון די ווייסע צעטלען אין די הענט איצט געהאַלטן, פאַרדרייטע, קליינע קלימיקלעך מיט אַלטע לאַכעס. זיי האָבן אַרויפגעשלעפּט אויף זיך ברוינע אויבער־העמדלעך און לאַנגע גרינע כאַלאַטן מיט אַ געלער לאַטע פון פאָרנט. אַ טייל האָט מען צוגעטשעפּעט האַרטע, צעדרייטע בעדרלעך, און מ׳האָט זיי אָנגעטאָן אויף די קעפּ צעשויבערטע פּאַרוקן.

די ווייבער האָט מען אויסגעשלייערט אין ברייטע, לאַנגע קליידער, מ׳האָט זיי אויסגעשטאָפּט פעסטע בייכער און פולע הויכע בוזימס. אויף די קעפּ האָט מען זיי אַרויפגעלייגט גרויסע פאַרדרייטע שייטלען, די האָר אַביסל צעשויבערט.

אַלע זענען אַרויס אין הויף. דער גרויסער אַקטיאָר איז שוין גע־ווען מיד פונ׳ם אָנגעשטרענגטן אַרומדרייען זיך. ער איז געזעסן נעבן רעזשיסער, אַ קליין בלאָנד מענטשל, מיט כיכטרע אייגלעך, וועלכער האָט זיך צוגעקוקט צום מושטרירן די ליכטער.

שאָוול איז געשטאַנען אויף אַ באַשטימט אָרט און האָט זיך נישט געטאָרט רירן. ער האָט אויסגעזען גאָר לייטיש אין אַ גלאַנציקן כאַלאַט אויפן קאָפּ אַ הויכן ספּאָדעק, אַ ברייטע באָרד און געדעכטע פּעות ביז אין גאַרטל.

— „געדענקט מיסטער שאָוול, אַז איר זענט אַ רבי", האָט אים נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט דער יונגערמאַן אין גרינעם רעקל. — „פאַרגעסט נישט צו פאַרגלאָצן די אויגן און אַראָפּצולאָזן אַ פרומען בליק — איר זעט, דאָרט צו יענעם פענצטער דאַרפט איר אַרויפקוקן".

פונ׳ם קליינעם פענצטערל, האָבן אַרויסגעשיינט צוויי גרויסע, שוואַרצע אויגן פון אַ יונג מיידל, וועלכע מ׳האָט פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטער מוטער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין גרויסע, שוואַרצע, זיידענע קליידער, אין אַ גראָער פּאַרוקע מיט אַ טשיפּיק אויפן שפּיץ קאָפּ און האָט זייער געשוויצט.

אין דעם אויסגעבויעטן געטאָ, האָט מען אָוועקגעשטעלט די יידן, זיי צעטיילט אין צוויי מחנות. דער יונגערמאַן אין גרינעם רעקל, האָט צו זיי געזאָגט:

— „איר זאָלט וויסן, אַז די סצענע, וואָס מ׳גייט איצט פילמען

שטעלט מיט זיך פאַר דאָס ערשטע פראַנקפורטער געטאָ, געדענקט — האָט ער צו זיי געשריגן אויף יידיש, דער גרויסער קינסטלער, וואָס איז אַריינגעקראָכן אין קויטש שטעלט פאַר דעם רייכן און חשובן ייד רב יוסף, וועלכער האָט מציל געווען אַ יידן פון אַ בלוט בלבול, רב יוסף קומט אין געטאָ באַזוכן זיין אַלטע מאַמען, ווי נאָר איר וועט זען אַנ־פאַרן דעם וואָגן מיט די ווייסע פערד זאָלט איר זיך אַלע נאָך אים אָלאָז טאָן און שרייען, — לאַנג לעבן זאָל דער גוטער, גרויסער, רייכער ייד רב יוסף, — לאַנג לעבן זאָל ער . . . לאַנג לעבן זאָל ער . . .״

די יידן מיט זייערע טעמפּע פּנימער האָבן פאַרשלייערטער הייט אויסגעזען, ווי ווילדע אַרעסטאַנטן. זיי האָבן זיך געקראַצט אונטער די צוגעטשעפּעטע בערד, ס׳האָט זיי דאָרט שרעקלעך געביסן, די פּאַרוקן, האָבן זיך אויף זייערע נאָסע, פאַרשוויצטע קעפּ נישט געוואָלט האַלטן און האָבן זיך אונטער די קליינע מיצלעך פאַריקט אין אַ זייט.

— . . . „שרייט, וואָס איך האָב אייך געהייסן״.

פאַרשטיקטע, הייזעריקע און הויכע קוויטשעדיקע קולות, האָבן זיך צעטראָגן איבערן הויף . . . איינמאָל, נאָכאַמאָל, אַ דריטמאָל און אַ צענטמאָל . . .

— „רעדי״. *)

אַ כוואַליע עלעקטריש ליכט האָט זיך אַראָפּגעגאָסן. די פערד האָבן גערירט פונ׳ם אָרט. די פאַרשלייערטע יידן און ווייבער האָבן זיך געלאָזט נאָכן קויטש, און האָבן געשריגן, געליאַרעמט און זיך געשטופּט, באַגלייט דעם קויטש, וועלכער האָט זיך מיט אַ פּאָר שפּאַן ווייטער אָפּגעשטעלט. ס׳האָט זיך באַוויזן דער גרויסער אַקטיאָר, ער האָט זיך פאַרבויגען פאַר שאָוול׳ן, אַ קוש געטאָן דער תורה, און צוגעווינקן צו דער מאַמען, וועלכע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער.

אויך שאָוול האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער אַלטיטשקער, ער האָט צו איר געפילט אַ באַזונדערע היימישקייט.

די סצענע איז שוין געלעגן עטלעכע מאָל אָפּפאָטאָגראַפירט אויף די שוואַרצע קלישן פון די פאָטאָגראַף אַפּאַראַטן, אָבער דער רעזשיסער

*) פאַרטיק.

האָט געזאָגט, אַז די סצענע, וואָס די יידן האָבן געמאַכט, זייער לויפן, שרייען און שטופן זיך טויג נישט . . .

דער גרויסער אַקטיאָר, וועלכער נעמט טויזנטער פונטן פאַר דער קונץ איז פאַרשוווּנדן.

מיט די יידן האָט מען זיך ערשט רעכט גענומען צו דער אַרבעט, די שטאַרקע עלעקטרישע ליכטער האָבן געשטאָכן אין די אויגן געברענט די פּנימער, דער שטויב און דער שוויס האָט געקיצלט און געבייצט די הויט, ביז וואַנען זיי האָבן זיך אויסגעלערנט שרייען און שטופן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

פאַרנאַכט האָבן זיי פרייער אָפּגעאָטעמט.

שאָול האָט זיך אַרומגעדרייט אין הויף, ער האָט שוין פון לאַנג געהאַט אויסגעטאָן דעם ספּאָדעק מיט דער באָרד, און איז שוין געווען אויס רבי, אָבער עפּעס האָט ער זיך נישט געוואָלט אויסמישן מיט דעם איבריקן עולם, און אומזיסט האָט זיך אַרום אים געדרייד דאָס יידל מיט די שפּיציקע אַקסלען.

ווען די יידן האָבן באַקומען אויסגעצאָלט די גינע פאַרן טאָג אַר־בעט, האָבן זיי זיך נישט געפרייט, ווייל מ'האָט זיי געזאָגט, אַז מאָרגן דאַרף מען זיי נישט . . .

מיט אַ באַזונדערער חשובות האָט שאָול עטלעכע מאָל איבערגעציילט די אַכט גינעס, וואָס ער האָט באַקומען, און געטראַכט :— „ווען ער קען זיך פאַרליבן" אין דעם שענעם מיידל, מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן, וועלכע האָט געשפּילט די מאַמען, וואָלט זי זיכער געזען צו פוילן, אַז מ'זאָל אים נישט אַהיימשיקן גלייך מיט אַלע יידן — און ער וואָלט זיך געקענט אַביסל אַרויפדראַפּן . . .

נאַציאָנאַלע געפילן
—און קלאַסן אינטערעסן

נאַציאָנאַלע געפילן

— און קלאַסן אינטערעסן

„קען יאָה ספער אַ הע׳פּני, סער ?“*)

דער איינגעהזר׳טער שפּרוך האָט היינט נישט געטראָפן אין ציל.

די קינדער פון בריק סטריט,**) זענען לאַנג געשטאַנען ביי דער גרויסער מויער אין פראָנט און זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דעם אויטאָמאָביל, וואָס קומט יעדן אינדערפרי צופאָרן אין אַ באַשטימ־טער צייט. זיי זענען אַוועק מיט אַ רעש. אַ קינד האָט געטראָגן אַ קינד אויף די קליינע, דינע הענטלעך און אַנדערע, מיט פאַרשמירטע, נאַקעטע תחת׳לעך, וואָס מ׳האָט אַרויסגעזען פון די צעריסענע הייזלעך, האָבן געשלעפּט אויף שטריקלעך צוגע׳גנב׳טע און אויסגעבעטענע, צו־בראָכענע קעסטלעך און ברעטלעך.

בריק סטריט איז אָרים...

אין די קליינע פינסטערע הייזער וווינען אָרימע אַרבעטער...

דאָס איינציקע, גרויסע הויז אין פראָנט, געהער צו מיסטער קלעפּ־מאַן. ער האָט דאָרטן זיין פעקטאָרי,***) ווו מיידלעך אויף דער וואָך מאַכן קליידער. אויף זיי גיט אַכטונג אַ מענעדזשער.****) די ווייכע רייד מיט וועלכע ער באַגעגענט שטענדיק זיין באַלעבאָס, זענען אים

---

*) „קענט איר אָפּשפּאָרן אַ האַלבע פּעני, הער ?“ דער דיאַלעקט פון די אָרימע קינדער אין לאָנדאָן, וואָס בעטלן אין די גאַסן.

**) גאַס.

***) פאַבריק.

****) אויפזעער.

געבליבן ליגן אויף דער צונג. ער האָט באַשלאָס נאָך איינמאָל צו טעלעפאָנירן צו מיסטער קלעפּמאַנ׳ן אַ היים...

די שטאָט האָט פאַרצערט די לעצטיקערע העלפט פונ׳ם טאָג. אַ טונקלער נעפּל האָט זיך געצויגן פונדערוויטנס, צו די שטילע, לאַנדאַ־נער גאַסן, וואָס זענען באַוווינט פון רייכע לייט.

פּאָר אַ הויז, מיט אַ קליינעם גאָרטן פון פאָרנט, ווי ביי אַלע הייזער פון דער ריי, האָט געוואַרט אַן אויטאָמאָביל. דער שאָפער האָט זיך אַלעמאָל אַרומגעקוקט מיט אַ פאַרדריסלעכן בליק, ער האָט פאַרלוירן דעם געדולד אַזוי לאַנג צו וואַרטן אויף זיין באַלעבאָס. דערביי האָט ער זיך געשראָקן די פּאָגע *) זאָל נישט ווערן געדעכט און פאַרמעקן די הייזער און די גאַסן, מיט פאַרביקן רויך, וואָס קריכט אין האַלז און אין די אויגען...

די ווייזערלעך פונ׳ם גאָלדענעם זייגער האָבן אָנגעוויזן מיסטער קלעפּמאַנ׳ן, אַז ס׳איז שוין פון לאַנג צייט צו זיין אין בריק סטריט—און ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַ טריבן בליק אויפן היינטיקן טאָג. ער לייד פון די נירן, אָבער דידאָזיקע קראַנקהייט פּאַסט אים פונקט, ווי ס׳פּאַסטן אים די שטייפע, געפּרעסטע הויזן, וואָס ער טראָגט גלייך, ווי אַלע רייכע ענגלישע ביזנעס מענטשן.

אַן אַנדער מאָדנע געפיל האָט אים געמאַכט אַפּהענטיק.

ער האָט נישט געקענט געדענקן, וואָס ער טראַכט... פון וואָס ער האָט געוואָלט אַ קלער טון איז עס נישט געגאַנגען... ער האָט פאַרלוירן דעם געדאַנק, ווי נישט דאָס האָט ער געמיינט... אים האָט אפילו נישט געשמעקט דאָס עסן, וואָס די דינסט אינ׳ם ווייסן טשיפּיקל אַרום שטערן, האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

פאַרהאַן ביי מיסטער קלעפּמאַנ׳ן אויסגעפּוצטע שטיבער כמעט אַ טוץ. איבער דער גערוימיקייט הערן זיך די שווערע טריט פון זיין ווייב. זי איז אַ הויכע, רויטע יידענע, געשלייערט אין זייד, די גרויסע אוירן באַהאַנגען מיט בריליאַנטן. זי ווייסט, אַז איר האָט דער מאַן

*) די באַקאַנטע לאָנדאָנער נעפּלען.

צו פאַרדאַנקן, וואָס ער איז רייך געוואָרן, נאָר דורך איר ענערגיע שטייט נאָך די פעקטאָרי אין בריק סטריט, אויף די פיס, און מ׳איז נישט רואינירט געוואָרן נאָך דעם, וואָס דער קריסטלעכער פאַרטנער*) טאָם דזשאָנסן האָט זיי איבערגעלאָזט. ס׳איז געווען איר קאָפּ דערביי, וואָס מ׳ווינט שוין נישט ערגיץ אין דעם קליינעם געסל אין דער איסט־ענד**) און מ׳געהערט אויך צו די „הייבראו“***).

פון איינער פון די טירן איז פלוצים געקומען צולויפן מיסטער קלעפּמאַנ׳ס קליין מיידעלע אין אַ דין ראָזע קליידעלע, מיט זיידענע פליגעלעך אויף דער פּלייצע. איר שאָטן איז געפאַלן אין דער זייט ביי דער וואַנט געפּוצט מיט פיינעם האָלץ, וואָס האָט זאַט און שווער זיך געגעלט פאַר׳ן אויג: „דעד, איי עם היר“,****) האָט דאָס קינד זיך געפרייט, אַרומגעכאַפּט דעם טאַטן און זיך געדראַפּעט אויף זיין בויך, ווי אויף דעם אויסגעבעטן ריקן פונ׳ם שפּיל־פערדל. מיסטער קלעפּמאַן האָט נישט געקושט דאָס קינד מיט פאַטערישער געטריישאַפט, ווי ער טוט עס געוויינטלעך, נאָר ער האָט געקוקט מיט, יענער גלייכגילטי־קייט, מיט וועלכער דער היינטיקער טאָג האָט אים געמאַכט אפּהענטיק:

— „איי העוו נאָו טיים טו יו דיר“, *****) האָט ער געענטפערט דעם קינד, כאָטשע ער האָט זיך נישט געאיילט צו פאָרן אין דער פעקטאָרי, איבערצוקוקן די קליידער, און צו זען די נייע מיסטערן...

אַ שטילער ציטער פון זיידנצייק איז געפאַלן פאַרויס און געבראַכט מיט זיך מיסטער קלעפּמאַנ׳ס ווייב. זי האָט צוגעוואָרפן דעם מאַן אַ שפּיציקן בליק:

„נאָך ביזטו אין דער היים, אפנים, אַז דיינע געשעפטן פירן זיך אַליין?“

---

*) שותף.

**) די אָרימערע געגענד אין לאָנדאָן אין וועלכער ס׳געפינט זיך ווייטשעפּל.

***) הויכע געזעלשאַפט.

****) טאַטע איך בין דאָ.

*****) איך האָב נישט קיין צייט צו דיר, טייערע.

דער איד מיט דעם לענגלעכן, נאָכגעלאָזענעם פּנים, אין די שטייפע געפּרעסטע הויזן, האָט אויף זיך גענומען אַרויפציִען דעם אייבערשטן ראָק און געענטפערט:

— „עפּעס איז מיר היינט גאָרנישט צו דער האַנט"...

— „קום צייטלעכער אַהיים וועלן מיר געען צו די סיימאָנס"... האָט דאָס ווייב אַרויסבאַגלייט דעם מאַן מיט די קראַנקע נירן...

אין מיטן פון שטאָטישן טומל האָט זיך שנעל געטראָגן דער אויטאָ־מאָביל, פאַרביי נאַסע פערד און אָנגעשטרענגטע מענטשן, — צווישן אַ פּלאָנטער פון געדאַנקן אין היציקע מוחות, געוועבט ביי טאָג און ביי נאַכט. אַ ציטער אין די נערוון וואָס האָט זיך געפּאַרמט אין אַ געדאַנק האָט באַגלייט מיסטער קלעפּמאַנ׳ן...

קליינע, שוואַרצע הייזער, מיט קרומע דעכער זענען אַלץ מער אַנט־קעגן געקומען.

אין בריק סטריט האָט זיך די פּאַגע אויפגעהויבן.

דער אויטאָמאָביל האָט פאַרקערעוועט ביים גרויסן הויז אין פראָנט און איז פאַרפאָרן אין אַ ברייטן טויער.

אין דער פעקטאָרי האָבן געברענט עלעקטרישע לאָמפּן.

די בלייכע מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט ביי קליינע ניי־מאַ־שינדלעך אויף לאַנגע טישן, האָבן זיך אומגעקוקט, ווען דער באַלעבאָס איז אַריינגעקומען, — און שטיל ווייטער געאַרבעט.

צו די דאָזיקע מיידלעך האָט נישט מיסטער קלעפּמאַן קיין טענה, זאָלן זיי נאָר גיך אַרבעטן און נישט רעדן, ער האָט נישט ליב, אַז מ׳רעדט ביי דער אַרבעט.

ס׳גייט אויס צו זיין קעשענע...

דער מענעדזשער, האָט געקוקט מיסטער קלעפּמאַנ׳ן גלייך אין די אויגן אַריין, מיט אַ בליק פון הונטישער אונטערטעניקייט אין וועלכער ס׳איז געווען פאַרבאָרגן צוויי־פּנימדיקע מענטשליכע אויסגערעכנטקייט. ער האָט גערעדט גיך, געצויגן מיט די שפּיציק, שאַרפע וואָנסעלעך אונ־

טער דער נאָז און באַגלייט דעם באַלעבאָס פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער:

— „דאָס איז דער שטאָף, וואָס איך וואָלט פאָרגעשלאָגן צו צושניידן”, האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם ביליגן מאַטעריאַל פון וועלכן מ׳מאַכט טייערע קליידער.

כדי צו פאַרפעסטיקן זיין וויכטיקייט און איבערגעבנקייט צום געשעפט, האָט דער מענעדזשער, מיט אַ קרעכץ דערציילט מיסטער קלעפּמאַנען, ווי שווער אים קומט אָן צו האַלטן אָרדנונג, און ווי נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט ערשט נעכטן, דעם באַלעבאָס אין די אויגן, געמאַכט די מיידלעך אַן אויסרייד, האַלטן זיי אין איין לאַכן, ווי נאָר ער דרייט זיך אַוועק אויף אַ מינוט...

מיסטער קלעפּמאַנ׳ען האָבן זיך אַ ריר געטון די אָדערלעך ביי דער לעבער.

— „איר ווייסט נישט וואָס איר האָט צוטאָן מיט אַזעלכע לעיזע באָונס,*) זאָלן זיי מאַכן אַ וואָך און אַרויסגעוואָרפן”... ער האָט זיך געאיילט, געהייסן דעם מענעדזשער נעמען אַ ציגאַרעטל פונ׳ם גאָלדענעם פּושקעלע, און זיך געזעגנט מיט אַן אָנגעצויגענעם שטאָלצן אויסדרוק אין די אויגען...

אויפן וועג אַ היים, (נאָך די קרעפּלעך מיט יויך וואָס די באַלעבאָסטע פון דער „ב.ב.ב.”, — „בערטאָס בעסט ביף”**) רעסטאָראַנט אין ווייטשעפּל, האָט מיט אַ ליבלעכן געשמאַקן שמייכל דערלאַנגט מיסטער קלעפּמאַנ׳ען) איז ער אין זיין אויטאָמאָביל געלעגן אנגעלענט מיט׳ן קאָפּ אין ווייכן ווענטל און געמיטלעך געריכערט אַ ציגאַרעט. דער אויטאָמאָביל האָט זיך געגליטשט אין אַ האַרמאָנישן טעמפּאָ, די ריטמישע באַוועגונג האָט שטאַרקער גערעגט די צירקולאַציע פונ׳ם בלוט צום מאָגן. מיט אַ גרעסערן אימפּולס האָט דער מאָגן פאַרדייעט די אינעווייניגסטע שטאָפּן און געשיקט צום מח פריש געקאָכטע שטראָמען פון ענערגיע.

*) פוילע ביינער.
**) בערטעס בעסטע ביפשטעק.

זיין פאַרדייאונגס־פּראָצעס האָט געשאַפן אין אים אַ שטימונג, ענלעך צו יענעם אינעווייניגסטן צושטאַנד, אין וועלכן מיסטער קלעפּמאַן האָט זיך געפונען דעמאָלט ווען ער איז געזעסן אין דעם ווייכן אָרם טשער,*) מיט זיינע „נייע“ גוטע פריינט, ביי אַ גלעזל וויין נאָך דער געשמאַקער טערקי **) מיט געבאַקענע פּאָטייטאָוס ***) און אָרביסלעך (כאָטשע ס'איז נישט געווען קריסטמעס****) אין דעם פּרעכטיגען הויז, וואָס ער האָט געקויפט אַ גרויסע מציאה אין טשעלסי *****) די ענלעכקייט, פון זיין פיזישן צושטאַנד, האָט אַרויסגערופן די געדאַנקלעכע אַסאָציאַציעס, און אים איז גוט געווען צו טראַכטן, ווי פיין ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, ווי קלוג ער פירט זיינע געשעפטן... און ווי ער זיצט, נאָך דעם וואָס זיין שותף טאָם דזשאָנסן, האָט אים איבערגעלאָזט, נאָכאַמאָל פעסט אין זאָטל...

זיין ווילן צו פאַרשטאַרקן דאָס געפיל פון דער אייגענער זיכערקייט האָט אים געשטויסן צו רעווידירן זיין גאַנצע לאַגע כדי פּאַלקאָם זיך צו איבערצייגען ווי „אָלרייט“ ער איז און ווי אַלעס איז ביי אים אין אָרד־נונג... פּלוצים האָט ער אָבער דערפילט, אַז עפּעס שטערט אים צו דער גאַנצקייט פונ'ם חשבון, און, אַז אַן אונאַנגענעמער געדאַנק, — וואָס באַ־גלייט אים פון אינדערפרי, און האַלט זיך אין איין אַרויסגליטשן און קומט צוריק — נאָגט אים אונטערן האַרצן... די אַדערלעך ביי דער לעבער האָבן זיך אים ווידער אַ ריר געטון, ער האָט זיך דערמאָנט אין די מייד־לעך, וואָס לאַכן ביי דער אַרבעט...

דער שאָפער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר מיסטער קלעפּמאַנ'ס הויז.

די גרויסע רויטע יידינע האָט קינדעריש ברוגז אַרויסגעשטופּט די פּעדערשטע, אונטערגעפּאַרבטע ליפּ און מיט אַן אומגעדולדיקן בליק באַ־

---

*) פּאָטער שטול.

**) אינדעק.

***) קאַרטאָפעל.

****) ווייַנאַכטן.

*****) אַ רייכע געגענד אין לאָנדאָן, וווּ ס'וווינען קינסטלער.

געגעגט דעם מאַן. זי האָט אויסגעשטרעקט די שווערע פעטע האַנט און געקוקט אויפן גאָלדענעם זייגערל:

— „העוו יור טי, האַריאַפּ*) מיר מוזן זיך מאַכן פאַרטיק צו גען צו די סיימאַנס אויף סאַפּער,**) וואָס עי מאַרוולעס מען איז די זייאָניסט ספּי־קער מיסטער פריידל***) וועלכן זיי האָבן פאַרבעטן", און זי האָט זיך צוגעבאָמקעט אַ ניגון פון אַ העברעאישער האָראַ...

— „אָל רייט", האָט געענפערט מיסטער קלעפמאַן, „דער איז פּלענטי טיים",****) ער האָט ווי געוויינטלעך אַריינגעקוקט אין אַ שפּעטער אָוונט צייטונג. זיין בליק האָט זיך פאַרהאַקט אויף דעם פעט געדרוקטן קעפּל: „די נאַצי געזעצן פון נירנבערג"...

מיסטער קלעפמאַן האָט אָפּגעזיפצט מיט אַ טיפן מיטגעפיל צו די יידן פון דייטשלאַנד...

באַגרעניצטע רעכט... פאַרפאָלגונגען... בויקאָט אויף יידישע גע־שעפטן... האָט ער הויך געליינט.

זיין ווייב האָט ברייטלעך צעשפּרייט דאָס מויל, באַקומען אַ אומ־היימלעך נאַריש, קינדערישן אויסזען, פון וועלכן ס'ווערט אַ זייטיקן מענטשן פריקרע. „איזנ'ט מיסטער פריידל רייט,*****) ווען ער זאָגט אַז אַלע יידן סיי אָרים סיי רייך דאַרפן זיך פאַראייניקן פאַר'ן נאַציאָנאַלן אידעאַל, מיר מוזן אַלע צוזאַמען אויפבויען די נאַציאָנאַלע היים, פּעלעסטיין איז די איינציקע לעזונג פאַר'ן אידישן פאָלק, האָט זי אין אַ געבראָכענעם ענגליש, וואָס האָט געקריצט אונטער אירע פאַלשע ציין, מיט אַ קנאַק אַרויסגעגעבן די אויסגעדראשענע שלאַג־ווערטער, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט.

---

*) האָב דיין טוי, איול דיך.

**) אָוונטמאָל.

***) וואָס פאַר אַ פּרעכטיקער מענטש איז דער ציוניסטישער רעדנער, הער פריידל.

****) ס'איז נאָך דאָ גענוג צייט.

*****) איז מיסטער פריידל נישט גערעכט.

מיסטער קלעפּמאַן האָט גאַרנישט געענפערט אויף זיין ווייב׳ס רייד, ער איז נאָך אַלץ געווען פאַרטיפט אין דער צייטונג.

די שווידערליכע נייעס וועגן די פאַרפאָלגונגען אויף די יידן אין דייטשלאַנד, האָבן קעגן זיין אַגענעם ווילן געצייכנט אויף מיסטער קלעפּ־מאַנ׳ס פּנים די צופרידנקייט, וואָס ער געפונט זיך איצט אין לאָנדאָן... און מיט אַמאָל האָט זיך אין אים אויסגעפּיקט אַ פאַרענט־פערונג אויף דעם דעקוטשליווע געדאַנק, וואָס האָט אים אַ גאַנצן טאָג ב׳אומרואיקט...

מיסטער קלעפּמאַן האָט באַשלאָסן ער זאָל טאַקע מאָרגן הייסן דעם מענעדזשער אַרויסהענגען אַ צעטל, אַז ער זוכט פרישע הונ־דערט אַרבעטס־הענט.

דאָס וועט אָפּשרעקן די מיידלעך פון צו לאַכן אויף זיין צייט...

אין מאַרש מיט די הונגעריקע

אין מאַרש מיט די הונגעריקע

אינמיטנדריגען איז די רויט־בלאַלעכע גאַז־פלעמלעך אַנטפּאַלן געוואָרן די קראַפט, ווי ס׳אַנטפאַלט ס׳האַרץ ביי אַ הונגעריקן.

קליין און איינגעשרומפּן, האָבן זיי צעגויפגעדרייטערהייט קוים נאָך געצאַנקט אין ווינקל פונ׳ם אַלטן, שוואַרצן אויוון.

דער גאַז האָט נישט געסטאַיעט . . .

דאָס וואַסער אינ׳ם טיי־קעסעלע האָט געשיפּיט און נישט געקענט אופזידן.

ביי די דריי אַרבעט־לאָזע, וואָס האָבן געוואַרט אויפן ביסל טיי, האָט זיך געביטן דער טעם אין מויל . . .

מיסטער באַרשט האָט גלייכגילטיק אַראָפּגעשלינגען די טרוקענע לייִדיקייט פון אונטערן גומען, און נישט אויפגעבראַכט קיין פּאַרדרוס אין די מאַטע פינטלען פון די דערשלאָגענע אויגן. די קראַפט פון ווידערשטאַנד איז אין אים אָפּגעטעמפּט געוואָרן דורך דער לאַנגער צייט, וואָס ער איז אַרומגעגאַנגען לײדיק און נישט געקענט געפונען קיין אַרבעט ביי די סטאַליערעס, ווו ער האָט אין שוויס אָפּגעהאָרוועט אַ סך יאָרן. די אָפּגעלאָזענע הענט, וואָס האָבן זיך ביי אים געוואַלגערט, ווי די אָרט־שיקעס, וועלכע האָבן זיך נישט אין וואָס צו פאַרשטעפּן, האָבן זיך איצט ווי געקלאַמערט אין יענער נויט, וועלכע האָט אים עטלעכע יאָר געהאַלטן אין קלעם . . .

יעדער בייע אַנטוישונג, האָט ער שוין אויפגענומען מיט אַ מין קרענקלעכער הנאה, ווי אַ קינד, וואָס קען זיך נישט ווערן קעגן אומגערעכטע קלעפּ און שרייט שלאָג . . . שלאָג . . .

יעדער צוגעקומענער קלאַפּ, האָט אים געשטאַרקט אין זיין נייעם באַשלוס און קלאָר געצייכענט פאַר אים די ליניע פון אַראָפּ . . .

— . . . „טו העל וויט דע געז!!!״ *)

*) אין גיהנם מיטן גאַז.

„ווו נעמט מען אַ פּעני? . . .״ האָט מאַרי אַראָפּגעלאָזט דאָס קול אויף דער מאַמען. ער וואָלט שנעל וועלן אַריינוואַרפן די פּעני אין מיטער *) איידער די צוריקגעפאַלענע פלעמלעך אין גאַז־רינג לעשן זיך אינגאַנצן אויס, ווייל אין שטוב זענען די שוועבעלעך גראָד אויך אויס־געגאַנגען . . .

מיסעס באַרשט קוקט אויף מאַרין און זעט דאָס טיי־קעסעלע, וואָס מוטשעט זיך און קען נישט אויפזידן. אַ שכן קומט איר אויפן געדאַנק, זי טראַכט — „דאָ שוין אַנטליגן, דאָרט שוין אַנטליגן״ . . . און ווידער דערמאָנט זי זיך אין דער פּעני, וואָס זי האָט נעכטן אומזיסט פאַרפאַרן. זי איז געווען זיכער, אַז אויף דעם אַדרעס, וואָס די באַקאַנטע האָט איר געגעבן, וועט זי קריגן אַרבעט — „ס'איז געווען אַזוי ווייט צו געען, אַז איך האָב געמוזט אין מיטן וועג זיך אויפזעצן און פאַרן פאַר אַ פּעני מיטן טראַמוויי״, האָט זי זיך פאַרענטפערט—„און צום סוף, האָט מען מיר געזאָגט, נישטאָ קיין אַרבעט, לאָזט איבער אייער אַדרעס . . .״

— . . . „איי הערד איט אָל־רעדי!!!״ **)

מאַרי האָט נישט ליב דער מאַמעס קנעכטישע פאַרענטפערן זיך. אין זיינע אויגן צינד זיך אָן די שיין פון אַ געקריוודעטן. כאָטשע ער איז הונגעריק קלינגט זיין קול, ווי מעטאַל:

— . . . „איך מוז געען צו טראַפאַלגער סקוועער . . .***), היינט קומען הונגער־מאַרטשערס!!! ****)״ . . .

שוין דעם צווייטן זונטאָג גייט אויך מאַרי איבער די לאָנדאָנער גאַסן מיט די טויזנטער אַרבעטלאָזע אַרבעטער, וואָס קומען פון סקאָט־לאַנד, ווײלס, פון די געגענדן ווו די קוילן־מינען געפונען זיך; וואָכן לאַנג מאַרשירן זיי דעם הונגער־מאַרש קיין לאָנדאָן צו פּראָטעסטירן פאַרוואָס די רעגירונג באַזאָרגט נישט מיט אַרבעט די מיליאָנען אַרבעט־לאָזע . . .

---

*) גאַז אויטאָמאַט.

**) איך האָב דאָס שוין געהערט.

***) אַ באַקאַנטער פּלאַץ אין צענטער פון לאָנדאָן.

****) פּראָטעסטירנדע אַרבעט־לאָזע, וועלכע האָבן דערקלערט אַ הונגער־מאַרש.

מאַרי איז צו זעכצן יאָר געוואָרן אַרבעט־לאָז. ער האָט אײנגאַנצן געאַרבעט אײן יאָר, פון פערצן, ביז פופצן. גלייך נאָך זיין פאַרלאָזן די שולע איז ער געגאַנגען זוכן אַ „דזשאָב".*)

אויף אַ גרויסן, אַלטן טויער פון אַ קליין פאַבריקל אין אַ ווינקל ערגעץ פאַרשטופּט אין אַ קליין, שוואַרץ געסל, האָט ער איבערגעלייענט אַ צעטל:

— „עי סטראָנג באַי אָף פאַרטין וואָנטעד".**)

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טויער.

אַן ענגלענדער מיט פּייכטע, קאַלטע אויגן, ווי ביי אַ מעווע, וועלכער איז ביז מיט אַ צייט צוריק געזעסן אין אַ קליין אַפּיסל אויפן פופטן שטאָק פון אַ הויכער געביידע אין צענטער פון דער שטאָט, דאָרטן געהאַנדעלט דורכן טעלעפאָן רערל און געשווינדעלט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען אים איז געלונגען צו פאַרטרייבן זיין פּריינט אין די הענט פון בעלי חובות, און שפּעטער פון אים צוצונומען דאָס פאַבריקל, האָט מאַרין געשטעלט עט־לעכע פראַגן . . .

מאַרי האָט אויף אַלעמען געענטפערט יאָ . . .

דער ענגלענדער האָט באַשלאָסן צו געבן דעם באַי צו פאַרדינען צען שילינג אַ וואָך — „קום מאָרגן צו דער אַרבעט", האָט ער אים גע־זאָגט און העפלעך אָפּגעווענד דעם קאָפּ, וועלכער האָט לויט דער פאָרם דערמאָנט אין אַ זעקסטער נאָל, וואָס אַ חוצפה׳דיקע האַנט שטעלט געווייינטלעך אַוועק נאָך אַן איינס . . .

אין פאַבריקל האָט מען אויסגעאַרבעט קליינע, קיילעכדיקע פּודעלעך אין די אַפּטייקן אַריין פאַר שוויס פּודער, וואַזעלין און אַנדערע הייל־מיטלען.

אַ חוץ די פערצן יאָריקע ייִנגלעך, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט ביי שווערע, אייזערנע פּרעס־מאַשינען און זיי געהייסן אויסקוועטשן בלעכ־ענע דעקלעך, האָט דער ענגלענדער באַשעפטיקט נאָר מיידלעך, וואָס האָבן ביי לאַנגע וואַרשטאַטן געלייט, מיט הייסע אייזנס . . .

*) אַרבעט.

**) פאַרלאַנגט אַ שטאַרק ייִנגל פון פערצן יאָר.

דעם ערשטן טאָג, האָט מען מאַרין אָוועקגעשטעלט ביי דער מאַשין פון אַן אַרבעטער עלטער פון אים מיט איין יאָר, זיך צוצוקוקן, שפּעטער האָט מאַרי יענעם מער נישט געזען...

ער האָט געאַרבעט, זיך געפילט, ווי אַ גרויסער, געראָוויכערט ציגאַ־רעטן און פלעגט אַהיימקומען מיט אַ פאַריזט פּנים.

מיסעס באַרשט האָט זיך געפרייט מיט דער נייער האָפנונג...

אין אַ יאָר אַרום האָט דער ענגלענדער ווידער אַרויסגעהאָנגען דאָס צעטל אויפן אַלטן טויער... דערנאָך האָט ער ביי דער שווערער, אייז־ערנער פּרעס־מאַשין אָוועקגעשטעלט אַן אַרבעטער מיט איין יאָר יונגער, שפּעטער האָט, יענער מאַרין מער נישט געזען...

מאַרי איז געוואָרן אַרבעטלאָז און האָט אַהיימגעבראַכט אַן אויסגע־לאָשענע האָפנונג...

— ...„קום צו טראַפאַלגער־סקוועער דעד,*) דו ביזט אויך אַן אַרבעט־לאָזער, און דו אויך מאַדער!!!"**) ווידער האָט זיין קול אָפּ־געקלינגען אין קליינעם קעכל...

— צו דער זאָרג, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין מיסעס באַרטש'ס אויגן, איז צוגעקומען אַ געמיש פון אַן אומבאַוווסטן, שעמעוודיקן, אָבער עקשנות'דיקן פּלאַן. זי איז געשטאַנען אויסגעסטראַיעט אין אַ קליין צע־דרייט היטעלע אויפן קאָפּ, אין אַ בלאָען אָפּגעריבענעם מאַנטל, מיט אַ טאָפּ אין די הענט, גרייט אַריבערצוגעען צו דער סופּ־קיטשן.***)

— „אונטערוועגס וועט זי אָבער אָפּטרעטן אין געסל ווי ס'איז היינט אַ גרויסער מאַרק, טראַכט זי, זונטאָג זענען דאָרט תּמיד דאָ מציאות אויף די שטעלעס". מיסעס באַרטשס בליק לויפט אַרום צווישן דעם איבערגעבליבענעם, פאַרוויאַנעטן גרינצייג, איבער די ביליגע גע־זאַלצענע הערינג, אויף דעם צוגעלעגערטן אויבסט וואָס זי האַנדלט אַמאָל איין פאַר דער געציילטער פּעני. היינט וועט זי גאָרנישט קויפן,

*) טאַטע.

**) מאַמע.

***) אַ קיך וווּ מ'טיילט זופּ פאַר אָרימע־לייט.

קוועטשט דער געדאַנק אין מח, ווי אַ נאָגל אין דער פּאַדעשווע. זי וועט זיך שוין מוזן באַגיין, מיט דער זופּ, און מיט דעם ברייטל, וואָס מ׳וועט איר געבן אין דער סופּ־קיטשן . . .

צו טראַפאַלגער־סקווער קען זי נישט געען. ס׳איז שרעקלעך ווייט, זי וויל אָבער זעען, ווי מאַרי וועט דורכמאַרשירן . . .

די אַרבעטער מיט דער רויטער פאַן האָבן מאַרשירט איבער ווייט־שעפּל. אינאיינעם מיט אַלע, האָט מאַרי געשריגן:

— . . . „ווי וואָנט וואָרק — ווי וואָנט ברעד!!!” *)

דריי אַ זייגער, האָבן זיי זיך אויפגעלייזט אַרום דעם ריזיקן, שטיי־נערנעם דענקמאָל אויף טראַפאַלגער סקווער, און זיך אויסגעמישט צווישן דעם גרויסן עולם, און צווישן די הונדערטער פּאָליציי אויף פערד און צופיס . . .

די מחנות פאַרשטויבטע, אָפּגעצערטע, אַרבעט־לאָזע אַרבעטער, מיט קלומאַקלעך אויף די פּלייצעס, וועלכע האָבן וואָכן לאַנג מאַרשירט צו דער היינטיקער דעמאָנסטראַציע, האָבן מידע, זיך געוואַלגערט אַרום דעם הויכן שטיינערנעם דענקמאָל אויפן סקווער, ווו מ׳האָט זיך געגרייט אויס־צושרייען די נויט און דיליידן פון די פאַרקנעכטעטע און הונגעריקע . . .

מיט אַ פלינקן אימפעט האָט זיך מאַרי אַריינגעדרייט צווישן די הונגער־מאַרטשערס, ער האָט אין די לעבעדיקע, קינדערישע אויגן גע־טראָגן אַ פיבערדיקן ווילן צו רעדן און צו שרייען:

— . . . „דו זעסט”, האָט ער צו איינעם פון די הונגער־מאַרטשערס געזאָגט און מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויפן קאָפּ, „מיין היטל איז ווייך, אויסגעבעטט מיט אַ סך וואַטע”, ער האָט זיין שאַרפן בליק איינגעשניטן אין אַ הויכן פּאָליציי וועמען ער האָט דערזען פונדערווייטנס. „סאַטש אַ דערטי סווין,” **) ער האָט מיר דערלאַנגט איבערן קאָפּ . . . דענסט־מאָל האָבן זיי געוויזן זייער ריכטיק פּנים . . .

מאַריס באַוווסטזיניקע באַהערשן זיך, האָט צוגעגעבן געוויכט דער

*) מיר ווילן אַרבעט, מיר ווילן ברויט.

**) אַזאַ שמוציקער חזר.

אויפגערעגטער, פאַרביטערטקייט, וואָס האָט געציטערט אין זיינע אויגן...

— . . . „איך קען זיי, יענע וואָך האָב איך געזען, ווי געמיין זיי זענען, זיי האָבן אונז געוויזן דעם וועג צום פּאַרלאַמענט . . . ווען מיר האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמעלט זענען זיי ווי די ווילדע בעסטיעס אַרומ־געלאָפן מיט די פערד . . . די מענטשן האָבן פון זיי נישט געקענט אויסהאַלטן . . . די פּאָליציי איז מיט די פערד אַרויף אויף די טראָ־טואַרן . . . סאַטש צאַריסט קאַזאַקס. *)

מאַרי און דער הונגער־מאַרטשער האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אינ'ם שטיינערנעם גאַרטל פון דעם וואַסער־באַסען אויפן סקוועער. דער פּאַב־טאַן האָט מיט אַ צו שטאַרקן אימפּעט געגאָסן פון זיך דאָס וואַסער, וואָס האָט געמאַכט אַן איבריקן גערויש און געשטערט אויפצוכאַפּן די וואַרימע ווערטער, מיט וועלכע אַן אַרבעטער האָט גערעדט צום האַרץ פון די אַרבעט־לאָזע און געשילדערט פאַר זיי, די, שוין פון לאַנג, איינגעחזר'טע אמת'ן — וועלכע זענען אָבער פאַר דעם אַרבעטער יעדען טאָג ניי.

— . . . „די מערק זענען איבערפולט, ס'הערשט איבערפּראָדוקציע די קאַפּיטאַליסטן ווילן נישט פאַרקויפן צו ביליק זייערע סחורות און פאַרניכטן גאַנצע שיפן און וואַגאָנען מיט פּראָדוקטן", האָט ער געשריגן.

— . . . „היר, היר", **) האָבן זיך אָפּגערופן די הונגעריקע.

מיט אויפברויז אין בליק, האָט מאַרי אַלעמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פּאַנטאַן.

— . . . „זיי האָבן אומיסטן געמאַכט דאָס וואַסער זאָל אַזוי רוישן" . . .

ווען מיסעס באַרשט איז אַהיימגעקומען, האָט זי קיינעם נישט גע־טראָפן אין שטוב. ס'איז שוין געווען שפּעט. אין געסל האָט מען שוין מער נישט געהאַנדעלט. קערערס האָבן צענויפגעשאַרט דאָס מיסט און עס אנגעוואָרפן אין אַלטן גרויסן אָפענעם וואָגן, וואָס האָט זיך אוועק־געשלעפּט נאָך די שווערע טריט פון שטאַרקע ענגלישע פערד, מיט ברייטע, פעטע ריקנס. די גאַסן שפּילער האָבן געמאַכט ביליגע קונצן

---

*) אַזעלכע צאַריסטישע קאַזאַקן.

**) הערט, נאָר הערט.

און די יונגן אין פרישע אנצוגע, האָבן געוואָיוועט, מיט אויסגעפּוצטע מיידלעך, וועלכע האָבן אין זייערע אויגן געגלאַנצט, ווי וויכע סאַרדינען. די ביר־הייזער זענען געווען אָפן, ביים אַריינגאַנג פאַר די טירן האָבן זיך געקרומט אַרימעלייט, זיי האָבן געשפּילט אויף ציי־האַרמאָניעס, געזונגן לידלעך און געוואַרט מ׳זאָל זיי עפּעס אַרויסברענגען. אָנגעשפּאַרט אין די ווענט זענען געשטאַנען אַלטע ווייבער אין מענערישע קאַשקעטן אויף די קעפּ, זיי האָבן גוט געשיכורט און געזונגען דאָס באַקאַנטע, נודנע, ענגלישע פאָלקס־לידל:

— . . . „ס׳מאַכט נישט אויס דאָס וועטער,
ס׳מאַכט נישט אויס דער רעגן,
אָט, זענען מיר זיך ווידער, טאַקע
נאָנט אָנטקעגן . . .“

אַלעמאָל האָבן זיי זיך אַלאַז געטאָן אין אַ טאַנץ און חוצפּה׳דיק פאַרהויבן די קליידער . . .

דער נייער באַשלוס, וואָס מיסטער באַרשט האָט אויסגעטראָגן, האָט ווי אַן אייטערדיקער בלאָטער געצויגן און געביסן, מיט אַ מין נודנעם עקבערדיקן ווייטאָק, וואָס רופט אַרויס דעם ווילן, מ׳זאָל אים אָפּשטעלן דורך אַ שמערצלעכן דרוק.

די געדאַנקלעכע ווייען, מיט וועלכע ער איז אַרומגעגאַנגען, האָבן ביי מיסטער באַרשטן פונסניי אַרויסגערופן די פאַרשידענע פריקרע געפילן, וואָס ער האָט אַמאָל איבערגעלעבט. ער האָט זיך אַלעמאָל דערמאָנט, ווי פאַרביטערט און געקריוודעט ער פלעג אָוועקגייען פון די רייכע סטאָליערישע הענדלערס, צו וועלכע ער האָט פרייטאָג פאַרנאַכט געבראַכט צושלעפּן אויף דער בערע *) צו פאַרקויפן די דזשאַבלעך, **) וואָס ער האָט געפּרוווט, מיינסטערוועון פאַר זיך, דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך פאַרמאָגט מער קראַפט זיך צו ראַנגלען מיט די אומשטענדן . . .

דער גרעסטער חלק פון זיינע דערינערונגען און פון די אייגדרוקן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזעצט טיף אין זיין אונטערבאַוווסטזיין, האָבן זיך געדרייט אַרום, און אין דעם געסל ווו ער האָט געוווינט. די מינדסטע אַסאָציאַציע איז גענוג געווען ער זאָל זיך אין חלום, אָדער אויף דער

*) וועגעלע אויף צוויי רעדער.
**) פיגוראַטיוו נישט אויסגעענדיקטע אַרבעט.

וואָר דערמאָנען, און ס'זאָל אין אים אויפלעבן ס'געסל, ווי ס'האָט אויס־געזען, ווען ער איז בחור־ווייז אַהער אַראָפּגעקומען און זיך אַריינגעצויגן אין שכנות פון עטלעכע דאָקערס,*) וואָס האָבן געאַרבעט ביי די שיפן אין דער טעמזע. ער איז געוואָרן עלטער אינאיינעם מיט'ן געסל, אָבער אַ סך זענען דאָרט געוואָרן רייכער פון אים, און נישט איינמאָל האָט מיסטער באַרשטן פאַרדראָסן, וואָס אין געסל האָבן זיך געמאַכט אַזויפיל קראָמען, און וואָס די קרעמער האָבן אָנגעמאַכט אַ יקרות אין דירה־געלט. נישט איינמאָל איז אים געקומען אין געדאַנק — „ווי גוט ס'וואָלט געווען ווען ער קען צוריקבאַקומען די אַלע פונטן, וואָס ער האָט אָוועקגעצאָלט די באַלעבאַטעם פאַר די קליינע שטיבלעך, ווי די לעכער . . .״

מיסטער באַרשטן האָט זיך שוין געהאַט פאַרשלעפּט נישט ווייט פון דער גרויסער, פאַרוויכערטער, שוואַרצער בריק, וווּ ס'איז אַ שטאַרקער פאַרקער, מענטשן גייען דאָרט אויף און אָפּ.

אונטער דער בריק האָט ער זיך שוין געהאַט אַ פּאָר טעג אַרומ־געדרייט, נאָר די האַנט האָט זיך אים נאָך נישט געוואָלט אונטערגעבן . . . ער האָט זי נאָך נישט געקענט אויפשטעלן . . .

איצט איז זיין הויכער רוקן געווען שטאַרק איינגעבויגן און די באַקן־ביינער האָבן אונטער דער איינגעפאַלענער, נישט געגאָלטער הויט אויפן פּנים, זיך שאַרף געשפּיצט, ווי דראָהענדיקע צייכנס, וואָס וואַרפן אָן אַ מורא . . .

אויפן וועג צו דער בריק, האָט ער זיך אָבער פונ'ם געסל נישט געקענט אַרויספּלאָנטערן. עטלעכע היימישע אַרבעט־לאָזע סטאָליערעס, האָבן אים ווידער אָפּגעשטעלט . . .

דער טאַבאַק גערוך, וואָס טראָגט זיך שטענדיק פון דער גרויסער ציגאַרעטן פאַבריק, פון דער גאַנצער שווערער מאַסע אירער, און דרייט זיסלעך, האַרב אין די נעזער פון יענע אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט וואָס צורויכערן און קומען אַהער כאַפּן אַ שמעק, האָט אַ רייץ געטאָן מיסטער באַרשטן.

אָפּגעריסענע שטיקלעך שמועסן האָבן זיך גענומען וויקלען:

---

*) האַפן אַרבעטער.

— . . . „מ׳האָט מיר שוין אויך געסטאָפּט די דאָל״,*) האָט איינער געזאָגט.

— . . . „דו ביזט נישט געגאַנגען צו טראַפאַלגער־סקווער,?״ האָט אַ צווייטער געפרעגט.

מיסטער באַרשט האָט דערציילט, אַז זיין מאַרי איז אַוועק מיט די הונגער־מאַרטשערס.

— . . . „זיי וועלן שוין באַלד מאַכן אַ געזעץ, אַז מ׳זאָל שוין אינ־גאַנצן נישט געבן די „דאָל״, האָט זיך ווידער דערהערט דאָס פאַר־ביטערטע קול פונ׳ם ערשטן.

— . . . „פאַר דעם געלט וועט מען בעסער קויפן קאַנאָנען, פולווער און גאַז־מאַסקעס״ . . .

— . . . „האָסט געלייענט אין דער צייטונג וויפיל מיליאָנען מ׳דאַרף האָבן, צו שאַפן אַ שטאַרקע לופט־פלאָטע ?״ . . .

— . . . „הלואי וואָלט געווען אַזאַ געיעג אויף קעבנעט־מייקערס,**) ווי ס׳איז אויף אַרמאַמענטס״, ***) האָט מען זיך פון דער זייט צעלאַכט.

— . . . „ס׳איז היינט געווען אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע״, — האָט אַ צוגעקומענער דערציילט — „אַ מיינער ****) האָט גערעדט, האָט ער דאָס געשטורעמט קעגן דעם מיענס־טעסט״. *****)

— . . . „ס׳זענען געווען עקסידענטס, ******) מיט דער פאָליציי ?״

— . . . „מ׳האָט אַרעסטירט עטלעכע קאָמוניסטן״.

מיסטער באַרשטן האָט ווי אַ ברי געטאָן, ער האָט זיך אומרואיק אומגעקוקט.

— . . . „איך קום טאַקע ערשט פון דאָרט. אַ שטיקל וועג בין איך אונטערגעפאָרן מיטן באַס, די חברה וועט דאָ באַלד דורכמאַרשירן״.

האָט דער צוגעקומענער זיך ווידער געלאָזט הערן.

דער שמועס איז צוריק אַרויף אויף די איינגעריבענע געלייזן.

— . . . „אַז זיי וועלן אָנהויבן וואַרפן די גאַז־באָמבעס, וועט זיין נאָך ערגער, ווי ס׳איז געווען אין דער פריערדיקער, גרויסער וועלט מלחמה, דענסטמאָל, אַז מ׳האָט געוואָרפן אַ באָמבע איז אַפילו דאָ אונטער דער בריק געווען אַ באַהעלטעניש, אָבער פאַרן גאַז וועט מען זיך נישט

---

*) אָפּגעשטעלט די אַרבעט־לאָזע שטיצע. **) סטאָליערעס.

) באַוואָפנונג. *) אַן אַרבעטער פון די קוילן־מינען.

*****) געזעץ צו באַשרענקן די אַרבעטלאָזע־שטיצע.

*****) געשעענישן.

קענען באַהאַלטן, און אַ גוטע גאַז־מאַסקע וועט קאָסטן טייער . . .״

מיסטער באַרשט איז געשטאַנען אָפּגעלאָזן, און פאַרטראַגן געשוויגן. ערשט דאָס קלאַפּן אין אַ פּויק, האָט איבערגעריסן זיין פאַרביסענע אַפּאַ־טיע. פונדערווייטנס האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג פון אַרבעטער לידער, ער האָט זיך אַ שטופּ געטאָן פאַרויס.

יונגע און עלטערע מענטשן פון אָרימען אויסזעען, זענען געגאַנגען מיט אויסגעצויגענע, בלאַסע פּנימער, מיט מאָגערע העלדזער, ביי אַ טייל פון זיי איינגעאַנצן אָפּן, און ביי אַנדערע אַרומגעדרייט מיט טיכלעך פאַר־קניפּט אינדערמיט, שטאַרקע פּאָליציי אויף פערד, און צופוס, האָבן פון ביידע זייטן באַגלייט די אַרבעט־לאָזע אויפן צוריקמאַרש פון טראַפאַלגער סקווער.

— . . . „דאון וויד דע נעשיאָנאַל גאַווערנמענט, דאון וויד דע מיענס טעסט !!!״ *) האָבן די אַרבעט־לאָזע געשריגן.

מיסטער באַרשטס הויכער, געבויגענער רוקן, האָט זיך אויסגעצויגן, ער האָט אַריבערגעשטופּט דעם קאָפּ און געזוכט מאָרין. אים, האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט זיין קול. פּלוצים האָט אים פאַר זיינע אויגן, אַ שווינדל געטאָן דער אויפגעלאָפּענער בלאָער צייכן פון אַ גומינעם שטעקן, וואָס ער האָט געהאַט געזעען אויף מאָריס האַלדז און נאַקן, ווען דער באָי, האָט אים געפּרוווט צו פאַרשטעלן, אַז דער טאַטע, אָדער די מאַמע זאָלן נישט דערזעען.

דער פריער אָפּגעהאַקטער שמועס, איז מיט זיין גאַנצער שרעק אין אים מיט אַמאָל לעבעדיק געוואָרן, און אים אונטערגעצונדן.

מיט אַן אומהיימלעך גראָב קול האָט ער זיך צעשריגן:

— . . . „מיר וועלן נישט גיין אין קיין נייע מלחמות, מיר וועלן נעמען אין אונזערע הענט די אַלע קאַנאָנען, מיט די אַלע גאַזן און באָמבעס, וואָס זיי גרייטן פאַר אונז אָן, און דעמאָלט וועט זיך אויפהערן די נויט, און ס׳וועט נישט זיין קיין אַרבעט־לאָזע !!!״

זיין בליק האָט זיך אַוועקגעטראָגן מיט די הונגעריקע אַרבעטער וואָס האָבן אַוועקמאַרשירט.

צווישן די קאַלטע מויערן, האָט געציטערט דער רוף:

— . . . „מיר ווילן אַרבעט, מיר ווילן ברויט !!!״

*) אַרונטער מיט דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, אַרונטער מיט דעם באַגרעניצן די אַרבעט־לאָזע אונטערשטיצונג.